Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

הײנט 8 זײטען

NAJER FOLKSBLAT — פרײז 15 גראָשען

נײער פאָלקסבלאַט

№ 295 | Łódź, Środa, 24 grudnia 1930 r. | אכטער יאָהרגאַנג | לאָדז, מיטוואָך ד' טבת תרצ"א | № 295

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

סענסאַציאָנעלער מאָרד־פּראָצעס אין לאָדז

משיח'עלס מערדער אויף דער בעשולדיגונגס־באַנק

גנאט איז פער'משפּט אויף 8 יאָהר שווערע טורמע

ווי מיר האָבען שוין נעכטען מיטגעטיילט אין אונזער צייטונג, האָט זיך אין היגען קרייז־געריכט אָנגעהויבען דער סענסאַציאָנעלער פּראָצעס, וועגען ערמאָרדען משה יאַקובאָוויטש'ן, וועלכער איז אין דער אונטערוועלט געווען בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „משה משיחל". אַלס בעשולדיגטער אינ'ם מאָרד זע־נען געמשפּט געוואָרען מרדכי גנאט 22 יאָהר אַלט און אברהם ראָזענזאָן 21 יאָהר אַלט. צום פּראָצעס זענען אַרויסגערופען געוואָרען 32 עדות. פאָר־זיצער פון געריכט איז ריכטער איליניטש, אַסיס־טענטען די ריכטער לאזינסקי און בזשיצקי, בע־שולדיגער — פּראָקוראָר פּאַוולאָווסקי. ס'פערטיי־דיגען: גנאָט'ן — אַדוו. לילקער און פּאָרעל; ראָ־זענזאָנען — אַדוו. נאָוואַרסקי אַלס ציוויל־מאַגער מצד יאַקובאָוויטש'ן טרעט אויף אַדוו. צימערמאַן.

דער אינטערעס צום פּראָצעס

שוין פאַר 9 אַ זייגער אינדערפריה איז דער זיצונגס־זאַל געווען איבערפולט מיט מענשען, הויפּט־זעכליך פון דער אונטערוועלט, און פון די, וואָס אינטערעסירען זיך און קומען אין קאָנטאַקט מיט זייער לעבען. דער איינגאַנג איז בעוואַכט דורך אַ פערשטאַרקטען פּאָליציי־פּאַטרול. אַרום האַלב 11 אַ זייגער האָט מען אין געריכטס־זאַל אַרייינגע־פיהרט דעם אַרעסטירטען גנאַט. לעבען איהם האָט פערנומען דאָס אָרט דער צווייטער בעשולדיגטער ראָזענזאָן, וועלכער געפינט זיך אויף דער פריי. ביידע בעשולדיגטע פערהאַלטען זיך רוהיג, גנאט געפינט זיך אין אַ זעהר גערריקטער שטימונג.

די ערקלערונגען פון מרדכי גנאט

נאָכ'ן איבערלייענען דעם בעשולדיגונגס־אַקט ווערען אויסגעהערט די בעשולדיגטע. גנאט איז זיך מודה, אַז ער האָט דערשאָסען יאַקובאָוויטש'ן. דאָס האָט ער געטון, ווייל דער ערמאָרדעטער משה און זיין ברודער שלמה יאַקובאָוויטש האָבען איהם שטענדיג פערפאָלגט. ביידע ברידער, וועלכע זע־נען בעקאַנט אַלס גנבים האָבען איהם גערדאָהט, אַז זיי וועלען איהם דערמאָרדען, דער סכסוך צווי־שען זיי האָט זיך אָנגעהויבען זייט זיי האָבען פאַר צוויי יאָהרען געשפּילט אין קאָרטען ביי זעליג שאַרף (לאַגעווניצקאַ 8) און גנאט, וועלכער האָט גע־שפּילט בשותפות מיט יאַקובאָוויטש'ן האָט פער־שפּילט 700 זל. אויף מאָרגען האָט גנאט ווידער געשפּילט מיט יאַקובאָוויטש'ן און פערשפּילט 160 זל. אַזוי־ווי גנאט האָט נישט געהאַט קיין געלד, האָט יאַקובאָוויטש איהם געהייסען איבערלאָזען ביי שאַרפ'ן אין וואוינונג זיין אַנצוג און ער איז אַרויס פון דאָרט אַ נאַקעטער. ווען גנאט האָט וועגען דעם דערצעהלט זיין מוטער, איז זי אַוועק אין פּאָלי־ציי און האָט מיט איהר הילף אָפּגענומען דעם אַנצוג, שפּעטער האָט יאַקובאָוויטש אָנגעשלאָגען גנאט'ן הלמאי ער האָט איהם נישט בעצאָהלט דעם חוב.

אינ'ם קריטישען טאָג דעם 8־טען אויגוסט איז גנאט אַוועק צו זיין טאַנטע גאָרען אויף לו־טאָמירסקאַ 34, דאָרט האָט ער זיך איבערגע־טון אוי מיטגענומען זיין רעוואָלווער, וועלכער ער פלעגט אויסבעהאַלטען אין גאָרענס שטאַל. דאָרט האָט ער געטראָפען ראָזענזאָנען, מיט וועלכען ער האָט געגעסען מיטאָג אין אַ באַלוטער רעסטאָראַן און זענען אַוועק אין שטאָט. אויף ווסכאָדניאַ האָט זיי געטראָפען יאַקובאָוויטש און אַריינרופענדיג זיי אין אַ טויער פון איהם געפאָדערט דעם קאָרטען־חוב. ווען גנאט האָט איהם געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין געלד, האָט יאַקובאָוויטש ביי איהם צוגענומען אַ זיידען טיכעל און אַ גאָלדען פע־דער, וועלכען ער האָט בעקומען אַלס מתנה פון זיין טאַנטע אין פראַנקרייך. נאָכדעם האָט יאַקו־באָוויטש איהם צוריסען די קלאַפּעס פון מאַרינאַר־קע און איז זיך רוהיג אַוועק. אַ ביסעל שפּעטער, דעם זעלבען טאָג האָט יאַקובאָוויטש ווידער גערדאָ־פען גנאט'ן אויף רוג זגערזשער און לוטאָמירסקאַ און ביי איהם געפאָדערט געלד. ווען ער האָט קיין געלד נישט בעקומען, האָט יאַקובאָוויטש ביי איהם אַראָפּגענומען זיין נייעם הוט איהם אויסגעזידעלט און איהם גערדאָהט מיט אַ רעוואָלווער, וועלכען ער האָט איהם צוגעשטעלט צו דער ברוסט. דער־ווייל איז פערבייגעגאַנגען אַ פּאָליציאַנט און יאַקו־באָוויטש האָט דעם רעוואָלווער בעהאַלטען. ווייי־טער — דערצעהלט גנאט — ווען דער פּאָליציאַנט איז אַוועק, האָט ער אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און צוויי מאָל אויסגעשאָסען אין יאַקובאָוויטש'ן, וועלכער איז געפאַלען, בעגיסענדיג זיך מיט בלוט. מורא־האָבענדיג, אַז יאַקובאָוויטש זאָל זיך נישט אויפהויבען און נוקם זיין אין איהם, האָט גנאט אין איהם אויסגעשאָסען נאָך דריי מאָל און איז אַנטלאָפען.

אַ פערבייגעהענדער פּאָליציאַנט האָט גנאָט'ן פערהאַלטען.

צום סוף ערקלערט גנאָט, אַז אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט ביי דער ערשטער אויספאָרשונג איז געווען נישט ריכטיג, ער האָט דאַן נישט געוואוסט, וואָס צו רעדען אין זיין פערטיידיגונג.

דער פאָרזיצער פרעגט גנאָטן, צי האָט ער אין דער אַנוועזענהייט פון אַ געוויסען שולמאַן זיך געאויסערט, אַז פאַר'ן דערהרגענען יאַקובאָוויטשען וועט ער בעקומען דעמזעלבען אורטייל וואָס דער „בלינדער מאַקס".

גנאָט ענטפערט אַז ער קען שולמאַנען, אָבער ער האָט עס נישט געזאָגט. יאַקובאָוויטשעס רעוואָל ווער האָבען צוגענומען זיינע חברים. בעת דער גאַנצער אויספאָרשונג אין געריכט האַלט זיך גנאט זעהר דערדריקט. נישטאָ די וואוילויגפרישקייט. כמעט די גאַנצע צייט שטעהן ביי איהם אין די אויגען טרערען און ס'מאַכט דעם איינדרוק, אַז אָט־אָט ברעכט ער אויס מיט אַ געוויין.

אברהם ראָזענזאָן איז זיך נישט מודה

דער צווייטער בעשולדיגטער אברהם ראָזענ־זאָן איז זיך נישט מודה אין אנטיילנעהמען אינ'ם מאָרד. אינ'ם קריטישען טאָג האָט ער געזעהען ווי יאַקובאָוויטש האָט בעגעגענדיג גנאָטן איהם אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ און ביי איהם צוגענומען אַ גאָלדענע פעדער. ער האָט געגעסען מיטאָג צוזאַמען מיט גנאָטן און זיך אָפּגערעדט צו טרעפען אויף לוטאָמירסקאַ 34 ביי גנאַטס פעטער גאָרען, ווען ער איז געגאַנגען אויפ'ן בעשטימטען אָרט, האָט ער געטראָפען גנאָטען מיט אַן אָפּגעריסענער קלאַפּע פון דער מאַרינאַרקע. גנאָט האָט זיך געקלאָגט אַז דאָס האָט איהם געמאַכט משה יאַקובאָוויטש. אַזוי ווי ער האָט זיך געקליבען אויסצופאָהרען צו זיין ברודער אין ראָגאָוו האָט ער זיך געזעגענט מיט גנאַטען און איז אַוועק. אין דעם טאָג האָט ער אין קאָרטען מיט גנאָטען און נישט מיט יאַקובאָוויטשען נישט געשפּילט.

אויף דער פראַגע פון אַדוו. באָוואַרסקי, ענט־פערט ראָזענזאָן, אַז זיין פאָטער האָט דערהאַלטען אַנאָנימע בריף, אין וועלכער מ'האָט פון איהם גע־פאָדערט אויסקויפס געלד 600 זלאָטעס פאַר זיין זוהן אברהם, אָבער קיינער איז נאָך געלט נישט גע־קומען. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען דער פער־הער פון די עדות.

ווי עס דערציילען די עדות

דער ערשטער ווערט אויסגעהערט דער פּאָליצ־יאַנט פּאַנקאָווסקי, דעם 8. סעפּטעמבער אין אָוונט, ווען ער איז אַדורכגעגאַנגען די לוטאָמירסקאַ גאַס, האָט ער דערהערט אַ שיסעריי און האָט בעמערקט איינעם וואָס איז געלאָפען מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט, ווען ער האָט איהם פערהאַלטען, האָט יע־נער — ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט איז עס געווען גנאָט — אויסגערופען: כ'האָב דער־מאָרדעט אַ מענשען, זיי ווילען מיך דערהרגענען. דער פּאָליציאַנט בעשטעטיגט, אַז נאָך גנאָטען האָבען זיך ווירקליך געיאָגט עטליכע פּערזאָן. ער האָט אַריינגעפיהרט גנאַטען אין רעסטאָראַן אויף לוטאָ־מירסקאַ 10, כדי איהם צו פערהיטען פון די וואָס האָבען איהם נאָכגעיאָגט און שפּעטער איהם אָפּגע־פיהרט אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט.

דער פּאָליציי־פּשאָדאָווניק מאַריאַנסקי קלערט אויף, אַז משה יאַקובאָוויטש איז געשטאַנען בראש פון אַ גנבים־געריכט, דאַגעגען קען ער וועגען גנאָטן קיין שלעכטס נישט זאָגען.

ס'ווערט נאָכדעם אויסגעהערט דעם

פאָטער און ברודער פון ערמאָרדעטען

דער פאָטער יעקל הערש יאַקובאָוויטש האָט זיך פון פרעמדע דערוואוסט, אַז זיין זוהן איז דערמאָרדעט ער ווייסט, אַז צווישען זיין זוהן און גנאַטען האָ־בען עקזיסטירט פיינדליכע בעציהונגען וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען פון קאָרטען־שפּיל. גנאַטען קען ער און אַ מאָל פאַר פסח האָט ער אין אַ רעסטאָראַן אויף זעלאָנע אין באַלוט געהערט, ווי גנאט האָט געשאָסען פון אַ רעוואָלווער, ער ווייסט, ווי אַזוי און פאַרוואָס דאָס איז פאָרגעקומען, ווייל דאָס האָט פּאַסירט אין אַ צווייטען צימער. פאַראַיאָהרען זומער האָט זיך גנאט אין ווישנאָווע־גוראַ צושלאָגען מיט אַ שאָפער און איהם פערוואונדעט מיט אַ מעסער.

שלמה יאַקובאָוויטש, וועלכער איז צום פּראָצעס געבראַכט געוואָרען פון טורמע, דערצעהלט אין אַל־געמיין כמעט דאָסזעלבע, וואָס דער פאָטער, אינ'ם קריטישען טאָג איז ער צוזאַמען מיט זיין ערמאָר־דעטען ברודער געקומען אין אושעראָוויטשעס שענק אויף לוטאָמירסקאַ 3 און דאָרט געטראָפען גנאַטען און אברהם ראָזענזאָנען, וועלכער איז בעקאַנט אונ־טער'ן נאָמען „אברהם פּיאַק", אַלע האָבען געשפּילט אין קאָרטען. שלמה האָט אויך געשפּילט, בעת'ן שפּילען איז אַריינגעקומען אין שענק זעליג שאַרף, גנאַטס גרופּע האָט געוואונען 60 זל. מזומן און אַ רינגעל אין ווערט פון 30 זל.

ווען מ'האָט געענדיגט שפּילען האָט שאַרף איהם געהייסען אויפמאָנען ביי גנאַטען דעם אַלטען חוב, אָבער גנאָט האָט נישט געוואָלט דעם חוב בעצאָהלען און האָט אויך שאַרפען ערקלערט, אַז ער וועט נישט בעצאָהלען. צווישען זיי איז ענטשטאַנען אַ קריגעריי און משה יאַקובאָוויטש האָט גנאַטען אָבגעריסען די קלאַפּע פון דער מאַרינאַרקע און איהם געהייסען פאַר'ן געוואונענעם געלט זיך קויפען אַ נייע מאַרי־נאַרקע. נאָכדעם זענען גנאט און ראָזענזאָן אַוועק אין דער ריכטונג פון זבאָזשאָווא גאַס, קורץ נאָכדעם איז געקומען ראָזענזאָן און האָט אַרויסגערופען משה יאַקובאָוויטשען, באַלד דערויף האָבען זיך דער־הערט רעוואָלווער־שאָסען און שלמה האָט זיך דער־וואוסט, אַז זיין ברודער לעבט שוין נישט.

אויף די פראַגען פון אַדוו. פּאָרעל ענטפער'ט דער עדות, אַז ער זיצט אין טורמע אַלס בעשול־דיגטער אין וועלען אויספיהרען אַ מאָרד איבער אברהם באַציאַן, וועלכער טרעט אויף אינ'ם היינטי־גען פּראָצעס אַלס עדות. שלמה יאַקובאָוויטש איז צוויי מאָל געווען געמשפּט פאַר גנבות און איין מאָל פאַר דערמאָרדען זסלאָמקען. דאָס געריכט האָט איהם פערמשפּט אויף צוויי יאָהר טורמע, דאָס אַפּעלאַציע־געריכט האָט איהם בעפרייט. אויך דער ערמאָרדעטער משה איז געווען פערמשפּט פאַר דער־מאָרדען סלאָמקען, אָבער דאָס אַפּעלאַציע־געריכט האָט איהם בעפרייט.

דער פּשאָדאָווניק פון אויספאָרשונגס־אַמט יאָאַ־כימעק שטעלט פעסט, אַז די יאַקובאָוויטשעס האָבען

טעראָריזירט די קליינהענדלער

אַז זיי זענען בעקאַנט אַלס פערברעכער און פאַר זיי האָט געציטערט גאַנץ באַלוט. ס'ווערען אויסגע־הערט נאָך עטליכע עדות און ס'ווערט ערקלערט אַ פּויזע.

נאָך דער פּויזע זענען פערהערט געוואָרען די עדות פון דער פערטיידיגונג און דער פּראָקוראָר האָט בעקומען דאָס וואָרט, ער האָט געפאָדערט אַ שטרענגע שטראָף פאַר גנאַטען און אַ מילדערע פאַר ראָזענזאָנען. נאָך די רעדעס פון די אַדוואָקאַטען פּאָרעל און לילקער, וועלכע האָבען פאַר גנאַטען געבעטען אַ מילדע שטראָף און פון אַדוו. נאָוואַרסקי, וועלכער האָט געבעטען צו בעפרייען ראָזענזאָנען, האָבען דאָס לעצטע וואָרט בעקומען די בעשולדיגטע. גנאט האָט געבעטען פאַר זיך אַ מילדע שטראָף, ראָזענזאָן — אַז מ'זאָל איהם בעפרייען. נאָכדעם איז דאָס געריכט אַוועק אויף אַ בעראַטונג און האָט אַרויסגעגעבען אַן אורטייל, לויט וועלכען גנאט איז פערמשפּט געוואָרען אויף 8 יאָהר שווערע טורמע און ראָזענזאָן איז בעפרייט געוואָרען.

גנאט האָט דעם אורטייל אויפגענומען רוהיג. וועגען אַפּעלאַציע האָט קיינער נישט געמאָלדען

אַ וועה־געשריי צו דער פאַמיליע לענגער

אין לאָדז, קאָנסטאַנטינער 42.

אַזוי ווי מיר האָבען שוין איינעגע מאָל זיך געווענדעט מיט אַ וואָרנונג צו אייער חתן

יהושע העשעל ריזענבערג,

אַ זוהן פון שאול ריזענבערג, לאָדז, פּיעטריקאָווער 26, אַז ער זאָל האָבען מיט זיין כלה דבורה לעדער פון לובלין אַ דין־תורה ביים לובלינער ראַבינאַט כדי ער זאָל קענען אַרויסבעקומען פּטירין און ער האָט זיך פון די וואָר גונגען אויסגעלאַכט אַזוי ווי איצט האַלט ער שוין פאַר די חתונה מיט אייער טאָכטער, ווענדע מיר זיך צו אייך מיט אַ וועה־געשריי פון אַ אומגליקליכע יתומה, איהר זאָלט נישט דערלאָזען, אַז דורך אייער טאָכטער זאָל אַ יתומה זיין אַ אומגליקליך איהר גאַנץ לעבען, דען זי וועט זיי קיינמאָל נישט מוחל זיין און קיינער ווייסט אויך נישט, וואָס מיט איהם קען זיך טרעפען. לאָזט נישט חתונה האָבען אייער טאָכטער פאַר אַ פּאַזאַן, וועלכער האָט אַ כלה און וויל אפילו זי נישט בעפרייען דורך אַ דין־תורה ביים לובלינער ראַבינאַט.

מוטער און יתומה לעדער.

דאָס אויביגע איז בעשטעטיגט דורכ'ן לובלינער ראַבינאַט.

צום האָכצייטס־טאָג

פון דער הערשאַפט

שמואל יונה און רחל זאַק

גראַטולירען און ווינשען לאַנגע און גליקליכע יאָהרען

ס. דאַרגוזשאַנסקי און פרוי.

דער בעוואוסטער

„באַר וואַרשאַווסקי"

נאָוואָמיעסקאַ 19, אין הויף, טעל 163-23

מאַכט בעקאַנט, אַז צוליב דעם, וואָס מיינע געעהרטע קונדשאַפט זענען מייסטענס „יודעי נגן", האָב איך אַריינגעשטעלט אַן ערשטקלאַסיגען ראַדיאָ אַפּאַראַט, וואָס מען הערט פון גאַנץ אייראָפּע ווי אויך פון אַמעריקאַ. אויך עמפּפעהלע מיטאָגען, אָוונדברויטען, מילכיג און פליישיג און דאָס בעסטע גלאָז ביר. עמפּפעהלע אַלע סאָרטען פעסלעך ביר, וואָס גיבט אין לאָדז. פּרייז 8, 9 און 10 זל.

שבת ווערט אָבגעשיקט פעסלעך ביר א בעדאַרף לויט וואונש.

מיט אַכטונג „באַר וואַרשאַווסקי"

אינה.: נתן פאַרבער.

פאַרשלאַג פון די אוקראַינישע סענאַטאָרן וועגן דער פּאַציפיקאַציע אַרייַנגעטראָגן אויף דער לעצטער זיצונג פון סענאַט

אין אונזער בעריכט פון דער לעצטער זיצונג פון סענאַט האָבן מיר שוין איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון פאַרשלאַג, וועלכער פאָדערט, אַז מ'זאָלען בעשטראָפט ווערען אַלע, וועלכע האָבן זיך בעטייליגט אין דער „פּאַציפיקאַציע" פון מזרח-גאַליציע. דער דאָזיגער פאַרשלאַג ווערט בעגלייט פון אַ מאָטיווירונג, וואָס בעשטעהט פון 84 גרויסע ווייטען מאַשין-שריפט. ס'איז

אַ גאַנץ בוך

אָט לייענען מיר אויף דער פינפטער זייט פון אוקראַינישען פאַרשלאַג פאָלגענדיגע בעשרייבונג: אין דאָרף נאַיע הינטער לעמבערג „דעם 16-טען סעפּטעמבער 8 פריה האָט נעבען דאָרף זיך בע-וויזען אַן אָפּטיילונג פון 14-טען לעמבערגער אולאַ-נער פּולק. שוין פאַר'ן דאָרף האָבען די אולאַנער צושלאָגען מיט נאַהייקעס די פּויערים, וואָס זענען געפאָהרען אין פעלד אַריין — מכלומרשט דערפאַר, וואָס די פּויערים האָבען נישט אויסגעטון די היט-לעך פאַר דער מיליטערישער פאָן. דער אָנפיהרער פון שוואַרדאָן האָט געלאָזען רופען צו זיך דעם וואויט, וועלכער איז אָבער גראָד נישט געווען אין דאָרף, צוליב וואָס ס'איז געקומען דער פּערט-עטער. דער אָנפיהרער האָט דאַן געמאָלדען, אַז ער לייגט אַרויף אויפ'ן דאָרף

אַ קאָנטריבוציע,

וועלכע מען דאַרף איינצאָהלען במשך פון 2 שעה. אויב דאָס דאָרף וועט נישט ברענגען ביז יענער צייט די קאָנטריבוציע, וועלען די אולאַנער אַליין נעמען. די קאָנטריבוציע איז בעשטאַנען פון 35 קערץ האָבער, 1400 אייער, 2 חזירים צו 200 קילאָ יעדער, אַן'איינ-יאָהריגע קוה, 500 ליטער מילך, 100 קילאָ רייז און 25 קילאָ צוקער. פערשטעהט'זיך וואָס כ'הייסט, אַז די אולאַנער וועלען אַליין נעמען, האָט דאָס דאָרף צוגעשטעלט די קאָנטריבוציע. רייז, טאַבאַק א. א. וו. האָט צוגעשטעלט דער דאָרפישער קאָאָפּעראַטיוו. ס'איבריגע — די פּויערים גופא.

די פּויערים און פּויערטעס האָט מען בעפוילען רייניגען די פערד. פון אַ ליסטע, וועלכע דער מיליטער-אָנפיהרער האָט געהאַט ביי זיך, האָט מען אַרויסגערופען איינצעלנע פּויערים אין דער סטאַדאָלע פון פּויער אנדרוק מעלניק. די פּויערים האָט מען געלייגט איבער אַ באַנק. איין אולאַנער האָט גע-האַלטען פאַר'ן קאָפּ און איינער פאַר די פיס. און אַנדערע האָבען געשלאָגען אַזוי לאַנג, ביז דער גע-שלאָגענער האָט געחלשט. דאַן האָט מען איהם אָפּגעמינטערט און ווייטער געשלאַגען. אַממייסטען האָט מען געשלאָגען דעם פּויער איוואַן ראָמאַנישין — דעם ביבליאָטעקער פון דער „פּראַשוויטא" מען האָט איהם עטליכע מאָל געמונטערט מיט וואַסער און ווייטער געשלאָגען. דעם זעלבען גורל האָט אויך געהאַט דער אָנגעשטעלטער פון קאָאָפּעראַטיוו לוקאַש דמיטריך. דער פּויער

מיכאל טוטקא האָט בעקומען 500 שמיץ און איז געשטאָרבען

דעם 18-טען אָקטאָבער אין קאָאָפּעראַטיוו „בור-דוטשניסט" האָט מען אַלץ חרוב געמאַכט. די סחורות האָט מען בעשיט מיט עפּעס אַ פּראָשעק.

דעם 5-טען אָקטאָבער איז אין דאָרף געקומען אַ צווייטע שטראָף-עקספּעדיציע.

די פּויערים זענען בעצייטענס אַנטלאָפען אין וואַלד אַריין

און אין די שכנישע דערפער. ביים אָרטיגען גלח סאַכאַצקי האָט מען געפונען אַ באָמבע, וועלכע איז בלי-ספק געווען אונטערגעוואָרפען, אויב דאָס איז בכלל געווען אַ באָמבע, דעם גלח האָט מען אַרעס-טירט. נאָך די רעוויזיעס האָט מען ווידעראַמאָל אַ-דורכגעפיהרט די עקספּעדיציע. דאָס דאָרף שטעלט מיט זיך פאָר אַ בילד פון פולשטענדיגען חורבן".

מיר געהען איבער צו אַ צווייטער בעשרייבונג (זייט 7).

„טושיזשקאָוו. דעם 15-טען אָקטאָבער איז אַהין אָנגעקומען אַ שוואַדראָן פון 14-טען אולאַנער-פּולק אונטער דער אָנפיהרונג פון ריטמייסטער טאַדעאוש וואַלקאָווסקי. מען האָט

דעמאָלירט דאָס הויז פון „פּראַשוויטא"

וואו ס'געפינט זיך אויך דער קאָאָפּעראַטיוו. אַלע סחורות — רייז, צוקער, מעהל, עסיק א. אַ. — האָט מען אויסגעמישט, בעגאָסען מיט נאַפט, 15 פּויערים האָט מען שווער צושמיסען, 9 פון זיי — געפעהרליך (ראָ קומען די נעמען פון די 9). סטעפאַן באַראַנקא איז

נאָכ'ן שמייסען — דערשאָסען געוואָרען

דורכ'ן פּאָרוטשניק דאַוויד קרול. דעם 17-טען אָק-טאָבער איז באַראַנקא געשטאָרבען אין לעמבערגער שפּיטאַל. דאָס דאָרף האָט איינגעצאָהלט אַ קאָנטרי-בוציע פון 100 קערץ האָבער, 10 פוהרען היי, 10 פוהרען שטרוי, 20 קערץ קאַרטאָפעל און 5 חזירים. די דאָזיגע אַלץ פּאַקטען וועלען בעשטעטיגען אונ-טער א שבועה דער גלח טאַמאַש טימיאַק און די פּויערים קאַראָסטיל און בילאַן.

„אין דאָרף האָראָדיסלאַוויצע האָבען די אולאַ-נער דעמאָלירט דעם לעזע-זאַל פון „פּראַשוויטא" מען האָט פערניכטעט די גאַנצע איינריכטונג, ביי-כער, בילדער און מען האָט אויסגעהאַקט די שויבען. דער אופן, מיט וועלכען מען האָט געפייניגט די פּויערים, דערמאָנט די

צייטען פון מיטעלאַלטער

אויסער דעם, וואָס מען האָט געשלאָגען מיט קאָל-בעס אין איבער'ן פנים, האָט מען געשלאָגען די פּויערים מיט נאַהייקעס איבער'ן נאַקעטען לייב און אפילו איבע'ן נאַקעטען בויך. מען האָט געצוואונ-גען די פּויערים, אַז זיי זאָלען זיך געגענזייטיג שלאָגען איבער'ן פנים".

זייט 11. דאָרף סאַרניק. אַנ'עסקאַדראָן פון 14-טען יאַזלאָוויעצקער אולאַנער-פּולק און 15 פּויערים „מען האָט זיי פערמאַכט אין אַ קעלער און אַרויסגערופען יעדען איינעם בעזונדער. יעדען האָט מען

אויסגעטון נאַקעט

געלייגט אויף אַ פאַס, פערשטופּט דאָס מויל מיט אַ ספּעציעל צוגעגרייטער שמאַטע, וועלכע מען האָט אַריינגעשטופּט אין מויל מיט אַ שטעקען. די פיס האָט מען אונטערן פאַס צוזאַמענגעבונדען מיט'ן קאָפּ. איינער פון די אונטעראָפיצירען האָט זיך אַרויף געזעצט אויפ'ן קאָפּ. דער אָפיציר איז דערביי גע-שטאַנען מיט אַ זייגער אין האַנט. געשלאָגען האָבען אונטעראָפיצירען 15 מינוט אהן איבעררייס. מען האָט געשלאָגען מיט העלצער און דרעשערס, וועל-כע זענען אין דער ליסטע געווען אונטערגעשטראָ-כען, האָט מען במשך פון 2—3 טעג געשלאָגען צו עטליכע מאָל. איינער פון די געשלאָגענע מיכאַל זשוקיעוויטש האָט בעקומען בוכשטעבליך

800 שמיץ

האַלב-לעבעדיג האָט יעדער נאָך דער עקזעקוציע געמוזט אונטערשרייבען אַ דעקלאַראַציע, אַז ער בעט די מאַכט, זי זאָל פונאַנדערלאָזען אין זיין גמינע אַלע אוקראַינישע אינסטיטוציעס, אַז ער זאָגט צו צו שטימען אויף דער רעגירונגס-ליסטע, אַז קיינער האָט איהם נישט געשלאָגען און נישט געטון קיין שום עוולה. אַזעלכע דעקלאַראַציעס האָבען די פּויע-רים אונטערגעשריבען אין סאָקאָלאָווקא, קאַלאַהוד, פּיעטניטשאַני. פּאַדמאַנאַסטיר און לאַני. מען האָט אויך אונטערגעשריבען ציינגישען, אַז ס'מיליטער האָט נישט גענומען קיין שום קאָנטריבוציעס".

זייט 12:

„אין בלעבאָוויצע האָט מען דעם 11-טען אָקטאָ-בער צושלאָגען 11 פּויערים, צווישען די געליטענע געפינט זיך דער

זיבעציג-יאָהריגער זקן קאַראָל אַלעקס

די עקזעקוציע האָט בייגעוואוינט אַנ'אָפיציר און אַ מיליטערישער דאָקטאָר. 5 זעלנער האָבען גע-שלאָגען מיט העלצער און דרעשערס. אַלעקסן האָט מען 3 מאָל אָפּגעגאָסען מיט קאַלט וואַסער, כדי איהם צו דערמונטערען. דאָס לייב איז איין גרויסע וואונד, וועלכע אייטערט. דער אָנפיהרער פון אָפּ-טייל האָט שפּעטער צוזאַמענגערופען דעם גמינע-ראַט און געהאַלטען אַ שטראָף-רעדע, אַז „אויב איהר וועט נישט בעסער ווערען, וועלען מיר אין עטליכע טעג אַרום צוריקקומען".

„דעם 14-טען אָקטאָבער האָבען די איינוואוי-נער פון שטעטעל פּאָבראָקא געהאַט אַנ'אינטערעסאַנט שוישפּיל. אין שטאָט האָט מען געבראַכט

20 פוהרען מיט פערוואונדעטע פּויערים

— צושלאָגענע, באַנדאַזשירטע, שוואַרצע, ווי די ערד, צובלוטיגטע. דער אויספאָרש-ריכטער ביטנער האָט אָפּגעזאָגט אַדורכצופיהרען אַ געריכטליכע אונטער-זוכונג, ווייל דאָס געריכט אין פּאָבראָקא אַלס אַ ציוויל-געריכט איז נישט קאָמפּעטענט פעסטצושטע-לען, אַז מיליטער האָט געשלאָגען. דאָס געהער אויסשליסליך צום מיליטערישען געריכט. די צו-שלאָגענע זענען אָפּגעפיהרט געוואָרען אַהיים מיט גאָרנישט. אַפילו די דאָקטוירים זענען אַזוי אָפּ-געשראָקען מיט די שטראָף-עקספּעדיציעס, אַז זיי זאָגען זיך אָפּ צו היילען די קראַנקע".

זייטלעך 15 און 16:

„דעם 15-טען אָקטאָבער איז די עקספּעדיציע אָנגעקומען אין דאָרף טשאַנא. מען האָט אויפגע-זאַמעלט די מענשען אין לעזע-זאַל אַריין. די, וועל-כע האָבען זיך געפונען אין פעלד, האָט מען

צוגעבונדען צו די פערד און גע-טריבען גלאָפּ אין לעזע-זאַל אַריין

דער אָנפיהרער האָט געהאַלטען א רעדע וועגען די וואַהלען און בעפוילען צו שטימען אויפ'ן „איינסל". נאָך דער רעדע האָט זיך אָנגעהויבען די עקזעקוציע. פּיאָטער מאַשיאַק האָט בעקומען 200 שמיץ. ער איז אַלט 60 יאָהר (ראָ קומט אַ חשבון פון די געשלאַ-גענע — רעד.).

זייטעל 19:

„אין האַרצקאָוו איז דאָס מיליטער געשטאַנען 3 טעג. שווער צושלאָגען זענען געוואָרען מאַריא, פּיאטער, וולאַדימיר, העלענע און פּיאָטער (אַ זוהן) וואַשילעווסקי די זעלבער האָבען

געוואַלט פערגוואַלטיגען

די פרוי מאַריא וואַשילעווסקאַ. ווען זי האָט אַרומגע-נומען אַ סלופּ און קראַמפּהאַפט זיך ביי איהם גע-האַלטען, נישט לאָזענדיג זיך פערשלעפּען אין דער סטאָדאָלע, האָבען זיי זי מוראדיג צושלאָגען. איצט ליגט זי שווער קראַנק. פּיאָטער וואַשילעווסקי, וועל-כער איז געלאָפען העלפען מאַריען, איז אַזוי צו-שלאָגען געוואָרען אז ער איז געלעגען קראַנק מיט 3 וואונדען אין קאָפּ".

„אין דאָרף האָלאָטשע. מען האָט שווער צו-שלאָגען דעם גלח וואַסיל קאָסטייק און עטליכע צעהנדליג פּויערן. דעם גלח האָט מען געשמידט אין קייטען, אומגעוואָרפען און געשלאָגען ביז חלשות. שפּעטער האָט מען איהם בעגאָסען מיט וואַסער און געהייסען זינגען דעם פּוילישען נאַציאָנאַלען הימן. קוים-לעבעדיג האָט ער נישט געהאַט קיין כוח צו זינגען, האָט מען איהם א צווייט מאָל גע-שלאָגען און אָפּגעפיהרט אַהיים מיט א פוהר. זיין ווייב, וועלכע איז געלעגען אין בעט נאָך אַ קינבעט, האָט מען אויך געפייניגט. איצט האָט זי פערשידענע קאָמפּליקאַציעס. דער פּוילישער

דאָקטאָר פון פּאָדהייצע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען

צו דער קראַנקער", „דערוויסענדיג זיך, אַז ס'געהט אַ שטראָף-עקספּעדיציע איז ס'גאַנצע דאָרף אויסער זקנים און קינדער אַנטלאָפען אין וואַלד אַריין, יונגע פּויערים האָבען אַ לאַנגע צייט בכלל זיך אויסבעהאַלטען אין די וועלדער".

„זייטעל 27 — דאָרף באָהאַטקאָוויעץ:

„דאָס זעלבע בילד אין מאָדזעלעוויטש. אין דער פּאַראַפיע — אַ חורבה. קיין איין שטיק מעבעל איז נישט געבליבען גאַנץ. דער קראַנקער גלח מאַאַזי איז שווער צושלאָגען געוואָרען. ער ראַנגעלט זיך מיט'ן טויט. אין קיך האָט מען איהם אומגעוואָרפען, געקאָפּעט מיט די פיס, געשלאָגען מיט קאָלבעס, געשטאָכען מיט באַגנעטען. איין פּאָליציאַנט איז געשטאַנען מיט די פיס אויף זיין ברוסט. אַז דער גלח האָט פערלוירען דאָס בעוואוסטזיין, האָט מען איהם אָפּגעגאָסען מיט קאַלט וואַסער, און אַז ער האָט צוריק געעפענט די אויגען, האָט דער פּאָליצ-יאַנט איהם

אָפּגעקאַכט

— בעגאָסען מיט הייסע מילך און אַרויסגעוואָרפען אויף איהם אַ טאָפּ מיט זודיגע קאַרטאָפעל. מען האָט

וואָרנונג!

איך וואָרן אַלע מו"ה הוראות פון לאָדז און אומגעגנד, אַז זיי זאָלען נישט געבען קיין גט מיין מאַן שמואל טוכשערער, ווייל ער וויל דורך פערשידענע אויסריידען זיך מאַכען אַ גט.

פרוי פרימעט קשעמיען.

ווער עס וועט אַרויסגעבען אַ גט, וועל איך געריכטליך אויפטרעטען.

89001

הײַנט און פאָלג. טעג!

„הוים בלוט"

אין די הויפּט-ראָלען:

Imog na Robertson

אויסער'ן פּראָגראַם:

א גרויסע קלאַנג-קאָמעדיע און די נייעסטע לאַנר-אַקטועליטעטן

אָנהויב אין וואָכענטליכע טעג 4 נאָכמיטאָג שבת, זונטאָג און יום-טוב 1 אַ זייגער בייטאָג פּאָפּולערע פּרייזע.

אויך געשמיסען דעם גלחס שוועסטער און אַ קליין טעכטערל. תבואה, מעהל, קאַשע, קאָנפיטורען, אייער און ווייז האָט מען אויסגעמישט און בע-גאָסען מיט נאַפט".

אַביסעל ווייטער:

„אין דאָרף באָבקאָוו האָט דאָס מיליטער 3 טעג געפייניגט די שולאָזע בעפעלקערונג. די אומ-שולדיג אַרעסטירטע האָט מען צוזאַמען מיט'ן גלח קאַבלאַק

געטריבען מיט אַנ'אָרקעסטער איבערן גאַנצען דאָרף

הייסענדיג זיי זינגען פערשידענע לידער, זיך זעצען אין בלאָטע און ערשט נאָכדעם האָט מען זיי גע-שלאָגען. די טרעמבאָוולער אולאַנער האָבען דער-שאָסען אַ משוגע יונגעל פורדיי. נאָך איצט טעראָ-ריזירט מען מענשען, וועלכע ווילען נישט אונטער-שרייבען דעקלאַראַציעס, אַז זיי זענען מסכים מ'-זאָל שליסען די לעזע-זאַלען און קאָאָפּעראַטיוון (למשל, אין ליסא, מאַרקאָווא א.אַ.)".

זייטעל 28:

„דעם דאָרפישען אַסעסאָר אַלעקס ראָסאָלאַק האָט מען צוגעבונדען צו אַ וואָגען און אַזוי האָט ער געמוזט לויפען ביז'ן דאָרף דעניסאָוו. אין לעזע-זאַל פון דער „פּראַשוויטא" האָבען די פּאָליציאַנטען געצוואונגען דעם פּאָרזיצער מיקאָלאי שקאָלני און די פערוואַלטונגס-מיטגלידער טימקאָ בילי און מי-ראָסלאָוו קאָוואַל רייסן און

מיט די אייגענע הענט פער-ניכטען טעאַטער-גאַרדעראָבע

נאָך דעם האָט מען איינגעאָרדענט אַ מין טעאַטער-פאָרשטעלונג. די פערוואַלטונגס-מיטגלידער האָבען געמוזט אָנטון אויף זיך טעאַטער-מלבושים און אימפּראָוויזירען אַ פאָרשטעלונג".

מאַשין-מצות

ווערט געבאַקען אַלע טאָג פרישע און דינע ווי אויך מצה-מעהל, אייער-פּעפעל און סובאַרקעס לויט קאַרלסבאַדער סיסטעם

מיר עמפּפעהלען צו יעדער צייט אונזער גוט-בע-קאַנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבעראַל בעוואוסטער צוקערניע

ב. ווייַנבערג

38 פּעטריקאָווער 38

:-: טעל. 143-82 :-:

Dr. med.

M. LERNER

ספּעציאַליסט פאַר קינדער-קראַנקהייטען

זאַכאָדניאַ 64, טעל. 113-09

נעהמט אָן פון 3 ביז 5 נאָכמיטאָג.

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען

און דענטיסטישער קאַבינעט.

בושעוישינער 11, טעלעפאָן 3763

אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוונט.

ד"ר אימיד נאָז, האַלז, אויערן	4½—5½
ד"ר הערשנקאָ קינדער-קראַנקה.	11-9 5-4½
ד"ר יעלינסקאַ אינערליכע קראַנקהייטען	2—12
ד"ר ביבערנאַך הויט און ווענער. קר.	11½ 12½
ד"ר שמירגעלד נערווען און גייסטיגע קר.	1—2
ד"ר גאָלדבלאַט אויגען-קראַנקה.	12½—1½
ד"ר חיים כירורגישע קראַנקהייטען	9—8
ד"ר שפּערלאַטסקי פרויען-און געבורטס-הילף	4½—5½

[illegible] אימפּונגען געגען שאַרלאַטין.

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען אַ רענטגען-אינסטיטוט.

ד"ר לאַזשי נאַסי-טאַראַפּאַלסקאַ

צאָהן-ארצט 10—1, 6—3

קונסטליכע ציינער, קראָנען, פּאָמבען א.א.וו.

די לעטשניצע איז טעטיג אויך זונטאָג

לאדז. 24 דעצעמבער 1930

„נייער פאלקסבלאט"

לאדז. 24 דעצעמבער 1930

ווערטער וואס פערפליכטען

אין אנ'ארטיקעל „פון אמעריקע — די האפנונג" שרייבט ד"ר י. טהאן.

למען השם און למען האמת — פאר אונז איז תמיד ליבער צו ערלעדיגען אונזערע ענינים מיט דער פוילישער רעגירונג אליין און אין לאנד. עפעס פיהלען מיר זיך נישט גוט, ווען ערגעץ וואו הינטער בערג און ים'ען זעצען זיך אוועק גוטע, איידעלע און דורכאויס געטרייע יודען צו א קאנפערענץ מיט פוילישע דיפלאמאטען פון פערשידענע ראנגען און אונטערהאנדלען וועגען פראגען פון די פוילישע יודען. נישט ווילענדיג שווימען אויף און אזעלכע פאלען געוויסע פרינציפיעלע פארבעהאלטען. נ־טענס ווילען מיר אין פוילען נישט געהערען צו דעם געביט פון דער אויסערליכער פאליטיק. מיר געדענקען וועגען פערשידענע פארמלחמה'דיגע לענדער, וואו די יודען האבען זיך געלעבט נישט אמבעסטען און וואו אלע וויכטיגסטע יודישע פראגען זענען געווען קאנצענטרירט אין אויסערן־מיניסטעריום. אזוי איז געווען — כדי צו ברענגען באלד דעם אפשרעקעדיגסטען ביישפיל אין צארישען רוסלאנד. די יודען־פראגע, אויף וויפיל זי איז נישט באהאנדעלט געווען אין פאליציי־דעפארטאמענט, האט געהאט א בעזונדערע אפטיילונג אין אויסערן־מיניסטעריום.

ס'זענען אונז אויך נישט ליב די דאזיגע אונטערהאנדלונגען אויך פון דער יודישער זייט. מיר רעדען זיך תמיד איין, אז מיר זענען נישט נארישער און נישט ווייניגער זעלבסטשטענדיג פאר אנדערע מענשען, עס רייצט אונז דעריבער, ווען מען ציהט איבער אונז אויס אנ'אפיעקע, אפילו, ווען דאס ווערט געמאכט אין בעסטען גלויבען און ווילען.

לעצטענס איז ווידער פארגעקומען אזא בעגעגעניש. דאסמאל איז מצד די יודען ארויסגעטראטען ד"ר צירוס אדלער, דער איצטיגער פרעזעס פון יודיש־אמעריקאנישען קאנגרעס, און פון דער פוילישער זייט האט זיך צום טיש געזעצט אונזער אמבאסאדאר ה' פיליפאוויטש.

מיר ווילען נישט גענוי אנאליזירען דאס בילד, וואס ה' צירוס אדלער האט געשילדערט וועגען אונזער לאגע. אין אלגעמיין האט ער געפונען די ריכטיגע פארבען. ער האט נישט געמאלען נישט צו שווארץ און נישט צו ראזא. ס'איז שלעכט און ס'קאן ווערען נאך ערגער. די נויטען און בעדערפענישען האט ער אויך אויסגעפאסט גאנץ טרעפליך. הגם ער האט אביסעל איבערטריבען אין אפשאצען די טרויעריגע פאלגען פון די נאך עקזיסטירענדע צארישע בעגרענצונגען. נאטירליך — מיר ווייסען, אז די דאזיגע מיאוט'ע איבערבלייבעניש ברענגט מעהר שאדען פוילען, איידער אונז.

מיר דא אין לאנד אפעלירען וועגען גאר עפעס אנדערש, אז די פוילישע רעגירונג זאל אונז אויפהערען צו בעהאנדלען ווי שטיף־קינדער. אונזער ארעם אין ביודזשעט געפינט זיך נאך אלעמען, אפילו נאך די מאכמעדאנער. א הייפעל פראטעסטאנטען קריגט מעהר אויף די רעליגיעזע בעדערפענישען, ווי דריי מיליאן יודען. א חוץ דעם זענען פאר אונז געשלאסען אלע אמטען. פאר אונז אנערקענט מען נישט קיין שום רעכט אויף ארבייט און דערמיט בעגרעניצט מען אונזער עקזיסטענץ־רעכט. אנ'אויסנאהם גילט פאר אונז בלויז אין שטייער־אמט: בילדענדיג 10 פראצענט פון דער בעפעלקערונג, איז אונז ערלויבט צו צאהלען 40 פראצענט פון די דירעקטע שטייערען.

ה' צירוס אדלער האט עפעס וועגען דעם געוואוסט, און ה' פיליפאוויטש האט איהם געמאכט גאנץ בעדייטענדע הבטחות. ער האט גערעדט וועגען שטייער־רעפארם, וועגען וועלכער מיר דא ווייסען גארנישט. ה' פיליפאוויטש האט צוגעזאגט א גרינדליכע ענדערונג אין סיסטעם פון צונעהמען יודען אין די אמטען. הלוואי! דערווייל איז קיין יוד נישטא אין קיין שום אמט, עס קאן נאך א יוד אויף יוצא זיין ווערען א מיניסטער — לאמיר זאגען בעשיידענער — א וויצע־מיניסטער, אבער א וואזשי אדער קאנדוקטאר וועט ער מסתם קיינמאל נישט ווערען. ה' פיליפאוויטש פערזיכערט, אז דאס וועט זיך ענדערען צום בעסערען. צי דארפען מיר דאס אננעהמען אלס פשוטען און קלארען צוזאג פון פוילענס א רעפרעזענטאנט, אדער אלס פראפאראט פון דער לאבאראטאריע פון אויסערן־מיניסטעריום פאר'ן דעליקאטען גומען פון אויסלאנד?

העכסט אינטערעסאנט און אונגעהויער בערוהיגענד איז די הבטחות פון ה' פיליפאוויטש בנוגע די פינסקער בלאטעס, וואס די רעגירונג זאל זיך פערנעמען אויסצוטריקענען און וואס יודען זאלען דערנאך אויך זיך קאנען בעטייליגען אויף לאנד־ארבייט. וועגען אזא פראיעקט האט מען שוין נישט איינמאל גערעדט, צי זאל דאס זיין נאהענט צו רעאליזאציע? דאס וואלט באמת געווען אויסגעצייכענט.

ווי ס'זאל נישט זיין מיט די אלע הבטחות — וועקען זיי דאך א געוויסע האפנונג. דער אמבאסאדאר רעדט דאך אין נאמען פון דער רעגירונג און זיינע ווערטער פערפליכטען די רעגירונג. מ'קען זיך נישט פארשטעלען, אז אזעלכע ווערטער זאלען געלאזט ווערען אט אזוי זיך בלויז אויפ'ן ווינד.

Dr. Z. Rakowski

ספ. פאר אויערן־, נאז־, האלז־ און לונגען־קרא קה.
9 קאנסטאנטינער 9. טעלעפאן 127-81.
עמפפאנגס־שטונדען פון 1—2 און פון 5—7. נעמט אויך אן
אין דעמסגיבע וגעראשעל 17 פון 10—11 און פון 2—5.

ווען זשעראמסקי וואלט איצט געלעבט...

פוילישע שריפטשטעלער אונטערן פייער פון אנגריף

שטימען פון דער פוילישער פרעסע וועגען מעשה בריסק

די מעשה בריסק געהט נישט אראפ פון די שפאלטען פון דער פוילישער פרעסע, נאטירליך מעהרסטענס פון דער אפאזיציאנעלער. אבער אויך אין דער סאנאציע־פרעסע הערען זיך שטימען נישט קיין געוועהנליכע. עס זענען אויך דארט פערהאן מענשען, וועלכע קאנען נישט אויסקומען מיט זייער געוויסען און וואלטען וועלען פון זיך ארא־פווארפען די מאראלישע לאסט פון בריסק. שרייבט דער „פשעלאם", ארגאן פון די לינק־סאנאטארישע קרייזען:

„די רעגירונג קאן אלזא וועגען דעם ענין נישט שווייגען. אפצוהיטען אין דעם פאל די קאלטבלוטיגקייט, רוהיגקייט און גלייכגעוויכט פון גייסט איז פאר דער רעגירונג נישט גענוגענד. עס האנדעלט זיך וועגען דער מלוכה־אידעע, וועגען פוילענס נאמען אין דער וועלט, וועגען האנאר פון דער ארמעע, אין וועלכע עס צילען גאנץ בולט די אינטערפעלאציעס פון דער אפאזיציע. די רעגירונג מוז נעהמען א ווארט — בפירוש, ווייל ליידער זיצט אין דער רעגירונג דער פראקוראר מיכאלאווסקי (איצט יוסטיץ־מיניסטער, אונטער זיין אויפזיכט האבען זיך געפונען די ארעסטירטע, די רעד.) און אדער אפווארפען די בעשולדיגונגען, וועלכע זענען ענטהאלטען אין די אינטערפעלאציעס... אדער מיט א הארטער האנד דערגרייכען די וועלכע האבען זיך ערלויבט צו מיסברויכען מיט דער מאכט. אין דעם פאל, וואלט דער מיניסטער מיכאלאווסקי זיך בעדארפט תיכף אפגעבען אין דימיסיע, ווייל ער קען נישט זיין קיין צד און קיין ריכטער אין דערזעלבער צייט".

שווערער איז ד ילאגע פון די פוילישע שריפטשטעלער. פון אלע זייטען מונטערט מען זיי אויף, אז די אויגען זענען צו זיי געווענדעט מיט דער פראגע: פארוואס שווייגט איהר?

„האט גאט אין הארצען, — רופט צו דער פוילישער ליטעראטור, די „גאזעטא ווארשאווסקא" — איהר מענשען, וועלכע געהט אן פאר'ן געוויסען, אויף שוין נישט פון פאלק, איז פון מענשליכען קאלעקטיוו? טויב? שטום? פלוצים טויב און שטום און נעכטען אזוי בעדערעוודיג אין ענין וואנדורסקי (פוילישער דיכטער, קאמוניסט, א לאדזער, די רעד.) אדער סטודזעניעץ (מעשה פון פייניגען קינדער אין אויסבעסערונגס־הויז אין סטודזעניעץ, די רעד.)? אדער וועגען אקאדעמיע און אינסטיטוט? וואו איז דער פעראיין פון ליטעראטען און זשורנאליסטען? וואו איז דער פען־קלוב?.. וואו איז אהינגעקומען דאס געוויסען"?

אויף אנ'עהנליכען אופן רייסט פאסען פון די פוילישע שרייבער דער „ראבאטניק":

„מיר הארכען זיך צו און עס הארכען פרעמדע, וואס איהר האט צו זאגען וועגען בריסק. עס ווארטען אויף אייער שטים, אויף דער שטים פון דער גייסטיגער עליטע די בעאונרוהיגטע ברייטע פון פוילען און אלע ציוויליזירטע לענדער.

„א סברה, אז איניגע פון אייך האבען מורא, אז ווארפענדיג די פעראורטיילונג, וועלען זיי דערמיט דורכשטרייכען די פאליטיק, וואס זיי זענען איהרע אנהענגער. אבער מיט זייער שווייגען העלפען זיי צו דורכצושטרייכען דעם כבוד פון פוילען".

„ווייל בריסק איז נישט קיין פראגע פון דער אדער יענער פארטיי. בריסק איז די פראגע פון פוילענס אנזעהן אין די אויגען פון דער וועלט. אין יעדער געזעלשאפט קומען פאר זאכען, וועגען וועלכע ס'איז א ווייטאג צו רעדען. אבער אומעטום בעמיהען זיך מענשען, וועלכע זארגען פאר'ן כבוד פון פאלק, אז דער פעסטער פלעק זאל זיך נישט פונאנדערגעהן צו ברייט.

„ווען עס וואלט געלעבט זשעראמסקי, ווי ער וואלט זיך אנגערופען אין דעם מאמענט, ער, דער גרויסער גלאקען־קלינגער פון פאלקס־געוויסען! מיט וואס פאר א צושמעטערדיגען זשעסט וואלט ער עס אפשטויסען פון נאמען פון פוילישען שרייבער די לאסט פון חרפה פאר ברעסט! און איהר"?

לאנדאן איז אויסערגעוועהנליכען נעפעל

די בעוועגונג כמעט איננאנצען אפגעשטעלט

לאנדאן, 23 (ספ. טעל.) דער נעפעל, וואס הערשט אין לאנדאן, איז אזוי געדיכט, אז אין איניגע ערטער פון דער שטאט האט זיך די גאנצע בעוועגונג געמוזט אפשטעלען. דער נעפעל איז אזוי שטארק אז א מענש קאן קוים דערזעהן זיין אייגענע האנד, ווען ער טראגט זי צו די אויגען.

אין פיל ערטער אין לאנדאן האבען זיך די אויטאמאבילען געמוזט אפשטעלען. אפט זענען געשטאנען רייהען אויטאמאבילען אין די סוויזענדער. אין אנדערע ערטער זענען די טראמוואיען און אויטאס געגאנגען פאראויס זעהר פאמעליך און פון פארענט זענען געגאנגען פיהרער אדער פאליציאנטען מיט פאקעלען אין די הענד.

טויזענדער מענשען, וועלכע האבען געוויילט אין די טעאטערען און קינא'ס האבען געמוזט געהן אהיים צופוס, און אין א סך ערטער איז די בעוועגונג געשטערט געווארען צוליב'ן גרויסען עולם, וועלכער האט זיך נישט געקאנט ריהרען פאראויס. אין איניגע טעאטערען און קינאס האט מען געמוזט איבעררייסען די פארשטעלונגען, ווייל דער נעפעל איז אריינגעדרונגען אין די זאלען און די צושויער האבען גארנישט געקאנט זעהן.

צעהנדליגער טראמוואיען זענען געבליבען שטעהן אין פלאמען, די מאטארען האבען זיך אנגעצונדען צוליב'ן אונאויפהערליכען טארמאזירען, איין וואגאן האט געברענט עטליכע שעה, ווייל די פייערלעשער האבען בשום אופן נישט געקאנט צוקומען צום ארט פון דער שרפה. אפילו וואו דער וועג איז געווען פריי, האבען זיך די אויטאס פון די פייערלעשער קוים געקענט בעוועגען.

אין פיל ערטער האט מען די פאסאזשירען נישט ארויסגעלאזט פון די באהן־וואגאנען אויס מורא פאר אומגליקס־פאלען.

די אראבישע עקזעקוטיווע

ענטפערט אויפ'ן „ווייס־בוך"

ירושלים, 23 (יט"א טעלעגראפיש).

אין ארגאן פון דער אראבישער עקזעקוטיווע „אל־פאיאט" איז אפגעדרוקט א לייט־ארטיקעל אין וועלכען ס'ווערט אויסגעדרוקט דער צוגעגרייטער ענטפער פון דער עקזעקוטיווע צום „ווייס־בוך". די אראבישע עקזעקוטיווע איז נישט צופרידען מיט'ן פראיעקט פון א לעגיסלאטיווען ראט און זיי וואר־פען אפ יעדע יודיש־אראבישע צוזאמענארבייט. אינ'ם ארטיקעל ווערט געזאגט, אז קיין שום פרידען וועט נישט קומען ביז אין ארץ־ישראל וועט נישט געשאפען ווערען א נאציאנאלע רעגירונג, ווי דאס איז אין איראק און אין סיריען. ווייצמאן'ס בעוואר־נישען זענען איצטיגען „ווייס־בוך" קען מען נישט פעראייבבארען מיט'ן אקצעפטירען דאס „ווייס־בוך" פון יאהר 1922. אינ'ם ארטיקעל ווערט געפאדערט, אז די רעגירונג זאל ארויסגעבען א געזעץ וועלכע פערבאט די יודען צו קויפען ערד אין ארץ־ישראל אהן א ספעציעלער ערלויבניש פון הויך־קאמיסאר, די עמיגראציע קיין ארץ־ישראל זאל איינגאנצען פערבאטען ווערען, ביז אין לאנד וועט זיך געפונען כאטש איין ארבייטסלאזער אראבער.

איבערטריבענע פאטריאטישע גוזמאות

טיפערע אידעען־קאמף אין אונגארישען יודענטום

(קא עספאנדענץ פון בודאפעשט צום „נייעם פאלקסבלאט")

אין דער צייט פון די רדיפות און קאמף געגען אויסערען פיינד, דעם אנטיסעמיטיזם, איז אויך נישט געווען קיין פלאץ פאר אינערע קאמפען צווישען אונגארישען יודענטום גופא. אלע כוחות זענען געווען בשותפות קאנצענטרירט אפצושלאגען דעם שטורם פון שונא. ערשט אין דער גאר לעצטער צייט, ווען די אנטיסעמיטישע אפענסיווע איז אין א היבשער מאס צוריקגעשטו'יסע נגעווארען, האט זיך אנגעהויבען בעווייזען בולט'ער דער איבעוויי ניגסטער קלערונגס־פראצעס צווישען די פערשידענע מאכט־פאקטארען אין אונגארישען יודענטום. אין יודישע צייטונגען, אויף אלגעמיינע און פאטריאטישע יודישע פערזאמלונגען ווי אויך אין דער טעטיגקייט פון איינצעלנע יודישע גרופירונגען הערען זיך שוין ארויס דייטליך די טיפערע דיפערענצען איבער די יודישע פראבלעמען און עס גרופירען זיך ביטלעכווייז מחנות צום קאמף פאר נייע צילען און בעשטימונגען אין אונגארישען יודענטום.

אט די טיפע מיינונגס־קאמפען דעמאנסטרירען זיך שוין אפילו אין דער פראגע פון איבערשפיצטען פאטריאטיזם. אויף צוויי פערשידענע פארלאמענט־זיצונגען פון דער לעצטער צייט האט דער בכלל מוטיגער יודישער דעפוטאט פויל סאנדאר שטארק איבערגעכאפט די מאס פון אויפגעבלאזענעם פאטריאטיזם. דאס גאנצע אונגארישע יודענטום איז אהן א שום אויסנאהם, אש להבה מיט אונגארישען פאטריאטיזם, אבער אין ברייטע יודישע קרייזען פיהלט מען זיך בעליידיגט פון פויל סאנדאר'ס עפענטליכע שבועות און חרמות, אז „ער אליין וואלט תיכף איבערגעטרעטען צו די אנטיסעמיטען, ווען ער זאל האלטען די אנטיסעמיטישע טענות געגען די יודען פאר גערעכט", אדער אז „ער וואלט שוין לאנג נישט געווען קיין יוד, ווען ער זאל וויסען, אז אונגארנ'ס נאציאנאלע אינטערעסען ווערען געשעדיגט דורך יודישקייט". אז אזעלכע איבריגע איבערגעשפיצטע פאטריאטישע גוזמאות פיהלט מען שוין אין אונגארישען יודענטום אלס דערנידריגונג. מען פרעגט זיך אומעטום, צי האט א יודישער פארלאמענט־דעפוטאט נישט קיין אנדערע יודידיגערע ארגומענטען צום פערטיידיגען די יודישע רעכט? עס ווערט אויך בעהויפטעט, אז א טייל פון פויל סאנדארס קינדער האבען טאקע זיך געשמדט און מען פרעגט מיט פולען רעכט און מיט ביי־טענדיגער איראניע, צי האבען זיך זיינע אייגענע משומדים אפשר איבערצייגט, אז די יודישע רעליגיע הארמאנירט נישט מיט די מאדיארישע נאציאנאלע אינטערעסען...

עס ווייזט אויס, אז די גאנצע עפענטליכע דעבאטע איבער'ן יא־אדער־נישט אויפנעמען יודישע קריגס־העלדען אין מאדיארישען העלדען־ארדען, האט ארויסגערופען נאך ווייניג בעגייסטערונג ביי די יודישע מאסען. מען האלט אויך נישט פאר קלוג צו בעגרעניצען די יודישע אנקלאגען געגען דער רעגירונג בלויז אויף איין פרט. גלייך ווי די לעצטע דאגה פון אונגארישען יודענטום וואלט געווען בלויז די איינציגע בדוי־חריגע פון עטליכע בעליידיגטע יודישע קריגס־העלדען. פאקטיש ווען בלויז די איינציגע כבוד־פראגע פון עטלר־מישט זיך גארנישט אין אזעלכע לאנדס־פאליטישע ענינים, אנגעהויבען פראטעסטירען געגען דעם נייעס טען מעטאד וועלכע קאנצענטרירט די גאנצע יודען־פראגע אין אונגארן אויף קריגס־העלדען־אויסצייכונג. דער ציוניסטישער ארגאן „זשידא סעמלא" פראטעסטירט אויפ'ן שארפסטען אופן געגען אזא סארט פערטיידיגען יודישע רעכט און ערקלערט, אז די ציוניסטען ווילען זיך שטעלען אין קאמף אויב מען וועט נאכאמאל אויפריהרען די קאמעריע מיט'ן העלדען־קאפיטאל.

אינטערעסאנט איז אויך, אז אפילו צווישען די יודישע דעפוטאטען אין פארלאמענט זענען די מיינונגען זעהר געטיילט. אויך אין דער רעגירונגס־פארטיי צוזאמען מיט'ן אנטיסעמיטישען מיניסטער געמבעס זיצט א יודישער דעפוטאט און פאר איהם איז פויל סאנדאר שוין צופיל יוד. אויך ער האט פאר בושה אריינגעטראגען אנ'אינטערפעלאציע וועגען העלדען־ארדען, אבער אז ער טוט דאס חלילה נישט פון יודישען שטאנדפונקט.

עס טרעפט זיך שוין אויך, אז אפילו רבנים בעקעמפען זיך געגענזייטיג פון די טעמפעל בעלעמע'ס אין אידעאלאגישע יודישע פראגען. דער אויבער־ראבינער ד"ר העוועשי איז בעקאנט אלס עקסטרעמער אסימילאנט און אלע זיינע ...טען אין הויפט־טעמפעל דינען דער טעאריע פון אסימילאציע־פאטריאטיזם. און זיין פראטעסט געגען ענגלישען ווייס־בוך איבער ארץ־ישראל איז אויך געווען אדורכגענומען פון אזא מין טעמפעל־דרשה ביים שבת'דיגען דאווענען, אבער איין שבת שפעטער האט ער אין א אנדערען טעמפעל בעקומען גאר א שארפען ענטפער פון ראבינער ד"ר קיש, וועלכער האט ענערגיש אנגעוויזען די איבעריגע יודישע גלות־מיסיע פון ד"ר העוועשי און ארבה בעוויזען דעם עולם, אז עס איז נישטא קיין אנדערע רעטונג פאר'ן מאדערנעם יודענטום, סיידען דער ציוניזם.

עס איז שוין געווען רבותא, אז מען קען האלטען אין בודאפעשטער יודישען טעמפעל אזא דרשה. אבער דאס איז נישט די איינציגע רבותא. דער אידעאלאגישער קלערונגס־פראצעס מאכט ... רעס אויך ביים אונגארישען יודענטום. אפילו א חלוץ־ארגאניזאציע איז אויך שוין פערהאן און מען זעהט שוין חלוצים ארבייטען ביי יודישע גוטבעזיצער.

(יט"א).

מ. א. טענענבלאט.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

אפגעשאפטע געריכטס-אויפזיכטען, באנקראטען
טעגליכע כראניק פון האנדעלס-געריכט

די פירמע בערעק ליפשיץ (נארוטאוויטש 18) האט זיך געווענדעט אין לאדזער האנדעלס-געריכט ווייזנדיג ערקלערט איהר א פראלאנגאציע פון די צאהלונגען. דאס געריכט האט די ווענדונג אפגעווארפען. די פירמע האט אנגעקלאגט דעם בעשלוס אין אפעלאציע-געריכט אין ווארשא און בעקומען א פראלאנגאציע אויף 3 חדשים.

איצט האט די פירמע נישט פארלאנגט צו פערלענגערן דעם טערמין פון דער צאהלונגס-פראלאנגאציע און דאס געריכט האט די פראלאנגאציע אפגעשאפט.

* * *

דאס געריכט האט אויפגעלעזט די געריכטס-אויפזיכט איבער דער פירמע קליי מאן און צאלפעל (נארוטאוויטש 3), די פירמע האט געהאט א פראלאנגאציע פון די צאהלונגען אין פערלויף פון 9 חדשים.

* * *

אין יולי האט די פירמע אגינסקי און ליבערמאן זיך געווענדעט אין געריכט, אז די פירמע „מ. שמזלער" (נאוואמייסקא 28) זאל ערקלערט ווערען פאר באנקראט, מ'זאל איהם ארעסטירען אין דעם ענין איבערגעבען דער פראקוראטור. דאס געריכט האט דעם ענין איבערגעגעבען דער פראקוראטור, ווייל ס'האט איינגעפונען סמנים פון בייזוויליגקייט. דאס אפעלאציע-געריכט אין ווארשא האט דעם בעשלוס אפגעווארפען.

דעם 20 אקטאבער איז פארגעקומען א פערזאמלונג פון די קרעדיטארען. איצט האט דאס געריכט בעשלאסען איבערצושיקען דעם פראצעס צו דער פראקוראטור און ביז א רעזולטאט דעם פראצעס אפשטעלען.

מאן פערסמט זיין פרוי און ענטלאפען קיין בעלגיען

פעלא דאבזשינסקא (פרייהייטס-פלאץ 10) איז אינגאנצען אלט געווען 20 יאהר, ווען זי האט זיך צופעליג אין א קינא בעקענט מיט פעליקס גלאז, א יונגען פאצעט, א שניידער. זיי זענען זיך גיך געפעלען געווארען און ס'האט נישט לאנג געדויערט ביז פעלא איז געקומען צו איהרע עלטערן זיך איינרעדען דעם שידוך מיט גלאז'ן. אבער איהרע עלטערן האבען פאר זייער שעהן געראטענע בת-יחידה געזוכט עפיס בעסער ווי דעם פאצעטיגען שניידער-בחור, און ווען זיי האבען זיך אויף איהם נאכגעפרעגט האבען זיי דער טאכטער פערבאטען זיך מיט איהם ווייטער צוזאמענצוטרעפען.

אבער דאס האט געהאט א פערקעהרטע ווירקונג: אין א שענעם טאג האבען די עלטערן זיך דערוואוסט, אז דאס פארל האט חתונה געהאט. אזוי ווי דער כלה'ס צד איז געווען ברוגז האט דאס יונגע פאר-פאלק זיך בעזעצט ביי גלאז'ס עלטערן און אין א קורצער צייט ארום ארויסגעפאהרען קיין בעלגיען און זיך דארט בעזעצט אין בריסעל, אבער קיין גליק זיי האבען דארט אויס'ן יונגען גלאז מיט זיין פרוי נישט געווארט און ווען ס'האט אויסגעפעה"ט אויף א מיטאג איז דאס פאר-פאלק צוריקגעקומען קיין לאדז. דא האט דאס יונגע ווייבעל גענומען בעטען איהרע עלטערן, אז זיי זאלען איהר געבען אויף א וואוינונג. די עלטערן האבען ברוגזערהייט איהר געגעבען 600 זל. און זי האט זיך פאר דעם געלד געדונגען א שטוב אויף לימאנאווסקי 27. אבער גלאז האט זיך מיט די 600 זל. נישט בעגנוגנט ער האט אפגעשאצט, אז „ס'קומט איהם" 200 דאלאר פעלא'ס עלטערן האבען אבער צנדערש אפגעשעצט און צי זיי האבען טאקי נישט געוואלט געבען, צי נישט געהאט, אבער פעלא האט די 200 דאלאר נישט בעקומען.

איהר טרייער מאן האט זי דאן אנגעהויבען צו פייניגען און הגם זי איז געווען מעוברת, האט ער זי אלס ערגער און ערגער בעהאנדעלט. איז פארפאלען געווארען פון דער היים אויף א וואך צייט. דער-ווייל האט פעלא, וועלכע האט געארבייט אלס ביוראליסטין אין א היגער באנק בעמוזט איהר פאסטען פערלאזען. בעת דער מאן איז פערשוואונדען האט זי פון עגמת נפש זיך געוואלט נעמען דאס לעבען. די שוועגערין, וועלכע איז צופעליג צו איהר אריינגעקומען האט זי געטראפען א פערסמטע. מ'מאט אלארמירט די פאגאטאוויע און ס'איז געלונגען זי אפצוראטעווען.

דער „פערל-בעטער" טרייער מאן, וועלכער איז צוריקגעקומען האט זיך דעם ענין שטארק צום הארצען נישט גענומען און פון איהר געפאדערט דעם נדן. די אומגליקליכע האט אנגעהויבען ווידער בעזוכען איהרע עלטערן, אבער יענע האבען איהר פארגעשלאגען, אז זי זאל פערלאזען איהר אויסדערוועהלטען און אריבער וואוינען צו זיי. נאכ'ן פרוב צו בעגעהען זעלבסטמארד איז פעלא צו זיך נישט געקומען. זי פלעגט אפט ליגען צו בעט. איינמאל אזוי ליגענדיג האט זי געבעטען דעם מאן ער זאל איהר דערלאנגען א גלאז טיי. גלאז איז געווען ליבענסווירדיג, דערלאנגט א גלאז טיי און איז ארויס פון שטוב, זאגענדיג, אז ער וועט זיך באלד אומקערען. ווי נאר פעלא האט אויסגעטרונקען דאס גלאז טיי, האט זי זיך דערפיהלט זעהר שלעכט. די שכנים האבען ארויסגערופען א דאקטאר און ער האט, צו זיין איבערראשונג פעסטגעשטעלט, אז די פרוי איז פערסמט מיט ארשעניק. ס'איז געלונגען זי אפצוראטעווען. דער מאן, וואס איז ארויס אויף א וויילע, איז מעהר נישט צוריקגעקומען. דאן האט פעלא פערשטאנען, אז איהר מאן האט זי געוואלט פערסמען און האט וועגען דעם מיטגעטיילט דער אויספארשונגס-מאכט וועלכע האט נאך גלאז'ן פונאנדערגעשיקט שטעקבריף.

איצט האט די פאליציי בעקומען א נאכריכט אז גלאז געפינט זיך אין בריסעל און האט זיך געוויענדעט צו דער דארטיגער פאליציי, אז זי זאל איהם ארעסטירען און ארויסשיקען קיין לאדז.

דער „טויטער סעזאן" וועט נישט אפגעשאפט ווערען

(מ) מאנטאג האט דער וויצע-פרעזידענט ראפאלסקי אין ווארשא אינטערוועניערט אין ארבייטס-מיניסטעריום וועגען אפשאפען דעם טויטען-סעזאן כדי די ארבייטסלאזע סעזאן ארבייטער אלען צוויישען 15 דעצעמבער און 1 מערץ בעקומען די אונטערשטיצונגען.

דער לייטער פון דעפארטאמענט פאר געזעלשאפטליכער פערזיכערונג וואינאראווסקי האט געענטפערט, אז די דעציזיע וועגען דעם ענין וועט ארויסגעגעבען ווערען די טעג, אבער צוליב דער שווערער פינאנציעלער סיטואציע איז מעגליך אז דער טויטער-סעזאן זאל נישט אפגעשאפט ווערען.

ה' וואינאראוויטש האט ווייטער ערקלערט אז ס'וועט פארגענומען ווערען א מלוכה-אקציע פאר דרינגענדער הילף פאר ארבייטסלאזע פאמיליען-מענשען, וועלכע האבען פערלוירען רעכט אויף אונטערשטיצונגען.

גענעראל סעקרעטאר פון דער רבנות הראשית אין א"י געקומען קיין לאדז
וועגען א הילפס-אקציע פאר די רבנים אין סאוויעט-רוסלאנד

אין לאדז ווייլט איצט דער גענעראל-סעקרעטאר פון דער רבנות הראשית אין ארץ-ישראל, רעדאקטאר פון חודש-זשורנאל „קול-תורה" הרה"ג ר' שמואל אהרן וועבער.

הרב וועבער איז געקומען אין שליחות פון „ועד הרבנים המאוחד" אין א"י, וואס ער איז איינער פון זיינע פיהרער. דער ציעל פון ועד איז דאס בעזארגען דעם יודישען ישוב אין א"י מיט אלע נויטיגע רעליגיעזע הצטרכותן, שטיצען פערארימטע רבנים און בני תורה און העלפען די געדריקטע רבנים אין סאוויעט-רוסלאנד זיך בעזעצען אין א"י. אויף דעם דאזיגען געביט האט שוין דער „ועד הרבנים המאוחד" בעוויזען פיעל אויפצוטון.

דער ועד האט בעשלאסען אדורכצופיהרען אן אקציע אין פוילען און צו דעם צוועק איז הרב וועבער געקומען קיין לאדז.

עס איז צו האפען, אז נישט קוקענדיג אויף דעם שווערען עקאנאמישען קיום וועט דאס יודישע לאדז מיט אלע מיטלען מיטהעלפען הרב וועבער אין זיין אקציע צו ערמעגליכען דעם ועד אויסצופיהרען זיין אויפגאבע.

די שקל-אקציע

נעכטען אוונד איז אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פארגעקומען א פלענאר-זיצונג פון די קאמיטעטען פון אלע ציוניסטישע גרופירונגען אין יוגענד-ארגאניזאציעס אין צוזאמענהאנג מיט דער גרויסער שקל אקציע, וואס ווערט איצט אדורכגעפיהרט אין אונזער שטאט.

צוליב דער זעהר קורצער צייט, וואס איז נאך פערבליבען ביז צום פערענדיגען פון דער אקציע — דער לעצטער טערמין איז דער 31 דעצעמבער — איז בעשלאסען געווארען צו פערשטארקען די ארבייט אין אלע ארגאניזאציעס, פיהרען אן אינטענסיווע אויפקלערונגס-ארבייט, איינארדנען א רייהע פערזאמלונגען אין די ארגאניזאציעס וועגען דער בעדייטונג פון דער היי-יעהריגער שקל אקציע צוליב די בעפארשטעהענדע וואהלען צום קאנגרעס, אויסער דעם איז בעשלאסען געווארען איינצוארדנען אין די נאהענטסטע טעג אן עפענטליכען מיטינג, געווידמעט די פראגען פון 17 ציוניסטישען קאנגרעס.

אין צוזאמענהאנג מיט דער שקל אקציע קומט פאר היינט אין אוונד א מיטגלידער-פערזאמלונג אין „התאחדות".

אנ'אויפרייס איז בנין פון קרייז-געריכט

(ב) נעכטען נאכמיטאג איז אין קעלער פון קרייז-געריכט אויף דאמבראווסקא 5 פארגעקומען אנ'אויפרייס. די וואזשנעס האבען אין א קעסעל געקאכט א מישונג צו שמירען די פאדלאגעס. מיטאמאל איז ענטשטאנען אנ'אויפרייס און ס'זענען ארויסגעפלויגען 8 שויבען.

די אנגעקומענע פייערלעשער האבען שוין געטראפען די שריפה איינגעלאשען.

ס'ווערט געפיהרט אנ'אויספארשונג.

יוד. ארטיסטי-פארײן אין פוילען
דירעקטאריאט
פון די פאריינ-טעאטערן

בעפולמ. דיר. פאר לאדז: שטאקפערער. רעזשיסער: א. בעזמאן

לאדזער יוד. קאמער-טעאטער
בעלער אלי ווילשעז זאל
מאנטייפעל זאכאדניא 43
„ארדט"
טויסטל. לייטער: משה בראדערזאן.

היינט מיטוואך ווערט נישט געשפילט

מארגען דאנערשטאג. דעם 25 דעצ.
2 פארשטעלונגען
אנהויב 7.45 און 9.45 אין אוונט
פרעמיערע פון 3 פראגראם!
ווער מיר גוטס גינט

פראגראם: 1) פראלאג, 2) זמירות, 3) די שמאט, 4) זיבען זיבען, 5) קישקעלעך גרידות, 6) יעדען זינגען, 7) דער מאושבער אורח, 8) אין א שיך-געשעפט. 9) א-ת-ר'קע, 10) רויזען-ליד, 11) נישט-גוט. 12) אגבזער מענאזשעריע, 13) קארא-בראגרע, 14) אין זאקאזאנע.

אנסאמבל לויט'ן א. ב. פרויען: זיסעל-גירל, מ. דזשלסקא, יאלא זילבערמאן, שיינע מרים. מאשע פעטערמאן, אלא שליפקאוויטש. מענער: מ. אלטמאן, ש גאלדשטיין, ש. דזשיגאן, מ. קאן י. ריינגלאס, י. שומאכער, י. שיפער.

טעקסטען: י. ל. פרץ, מ. ב ארדזאן, דער טונקעלער, א. קאשנאווסקי.

מוזיק: ה. רובין, א. בייגעלמאן און פאלקס-מעלאדיען! דעקאראציעס און קאסטיומען: י. ברוינער, טענץ איינגעשטעלט דורך אירענע פיגשיצקא. מוזיק-לייטער — ה. רובין, רעזשי — דזשיגאן שומאכער בינע-אינספעקטאר — ט. קאן, ליכט-עפעקטען — יעראן.

בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון 11 — 2 בייטאג און פון 5 אוו. שבת און יום-טובים א גאנצען טאג

דעצעמבער
זון-אויפגאנג 7.42
זון-אונטערגאנג 3.25

מיטוואך
24
ד
טבת תרצ"א

שטיצט די, וואס העלפען אלעמען
(צום היינטיגען אבצייכנונגס-טאג פאר'ן „יעאס")

פון טאג צו טאג ווערט די עקאנאמישע לאגע פון די יודישע מאסען ערגער און שווערער אהן מזל-גליקען און אויסזיכטען אויף פרנסה פאר זיך און פאמיליע.

כמעט ביי יעדען יוד, אהן אונטערשיד פון פראפעסיע, רוקט זיך ארויס די פראגע „וואס ווייטער" און מען הויבט אן ערנסט צו טראכטען פון עמיגראציע.

יעדער הייבט אן זוכען אין זכרון נעמען פון נאהנטע און ווייטע קרובים מעבר לים און מ'שטעלט זיך מיט זיי אין פערבינדונג אין דער האפנונג צו קאנען עמיגרירען.

די איינציגע אינסטיטוציע, וואס העלפט דעם יודישען עמיגראנט, פארשט אוים די ווייטסטע מדינות, די עמיגראציע-מעגליכקייטען, קאנטראלירט און רעגולירט די יודישע עמיגראציע אין גאר דער וועלט — איז דער „יעאס".

די אינסטיטוציע, וואס העלפט צו אנצוקניפען פערבינדונגען מיט קרובים, פערמיטעלט ביי געלד-איבערווייזונגען פון אמעריקא און אנדערע לענדער העלפט צו אויסצוזוכען פערלוירענע קרובים, שטעלט צוריק פערבינדונגען צווישען מענער און פרויען פאטערס און קינדער, קינדער און עלטערן — דאס איז דער „יעאס".

די יוד. עמיגראציע-געזעלשאפט „יעאס" שיצט אויך דעם יודישען עמיגראנט, נעגען די אלערליי מאכערס און שווינדלערס, וואס לויערן אויף יעדען טריט אויף דעם בלוטיגען גראשען און טיילמאל אויך אויף דער נשמה פון יודישען נישט-דערפאהרענעם עמיגראנט.

עס איז גענוג נאר איינמאל צו בעזוכען די דאזיגע אינסטיטוציע אים, כדי זיך צו איבערצייגען ווי גרויס עס איז די יודישע נויט און ווי גרויליגנד דער תהום פון יודישע ליידען אין צו דערזעלבער צייט ווי אונדערפאהרען און אינבעהאלפען עס איז דער יודישער עמיגראנט.

איין בעזוך אין דער אינסטיטוציע איז גענוג צו בעווייזען, וויפיל יודישע שטילע פאמיליע-טראגעדיעס עס שפילען זיך אב טאג טעגליך אינ'ם לעבען פון יודישע עמיגראציע-משפחות, וואס דאס לעבען און די נויט האט זיי געצוואונגען זיך צו שיידען אין דער זארג פאר חיונה און ארבייט.

אלע די דאזיגע ארימע, אומגליקליכע געפינען זייער טרייסט אין „יעאס".

שטיל און בעשיידען פיהרט דער „יעאס" זיין סאציאלע הילפס-ארבייט צווישען די ברייטע מאסען פון יודישען פאלק אהן אונטערשיד פון קלאס און שיכט.

היינט קומט פאר אין אונזער שטאט אנ'אפצייכנונג לטובת דעם „יעאס" און מ'ר ווילען האפען, אז די יודישע בעפעלקערונג וועט גערן ארויסווייזען איהר סימפאטיע דער דאזיגער סימפאטישער און וויכטיגער אינסטיטוציע.

י. שאליט.

רשימות פון יאהרגאנג 1910

(מ) די רשימות פון יאהרגאנג 1910 וועלען פאר די פעראינטערעסירטע אויסגעלייגט ווערען פון 2 ביז'ן 15 יאנואר אין לאקאל פון מיליטערישען ביורא ביים מאגיסטראט פיעטרקאווער 212.

אויב אימיץ וועט פעסטשטעלען עפיס א טעות קען ער רעקלאמירען און אויף זיין אויסבעסערונג צושטעלען די נויטיגע דאקומענטען.

אפטייקען
היינטיגע נאכט-דיזשורען

דאנצער (זגערזשער 57); גראשקאווסקי (11 ליסטאפאד 15); גארפיין (פילסודסקי 54); בארטשעווסקי (פיעטריקאווער 164); רימבעלינסקי (אנדזשעיא 26); שימאנסקי (פשענדזעלניאנא 75).

צוזאמענפאר פון געוו. בריסקער ארעסטאנטן

מאטעריאלען אויף אנ'אנקלאגע. — אנקלאגע געגען אויספארשונגס-ריכטער דעמאנט. — פ.פ.ס. וויל אנקלאגען די געוו. רעגירונג פאר'ן מלוכה-טריבונאל. — 100 ווארש. פראפעסארן פראטעסטירען. — פולק. ביערנאצקי איז פשעמישל. — סענ. קארפאנטי ווענען בריסק

וו א ר ש א, 23 (טעלעפאניש) אין די פאליטישע קרייזן גיט מען איבער, אז באלד נאך די ח אות וועט פארקומען א צוזאמענפאהר פון אלע געוו. בריסקער ארעסטאנטען, אויפ'ן צוזאמענפאהר וועט אויסגעארבייט ווערען א גענויען מאטעריאל פאר אנקלאגען די בעשולדיגטע, דאס מאטעריאל וועט אויך איבערגעגעבען ווערען דער סיים-קאמיסיע, וועלכע פערנעהמט זיך מיט דעם ענין בריסק.

* * *

די פערטיידיגער פון די געוו. ארעסטאנטען אין בריסק האבען אריינגעטראגען אן אפעלאציע-געזוכט אנ'אנקלאגע געגען אויספארשונגס-ריכטער דעמאנט, וועלכער האט זיך נישט געהאלטען אין בעשטימטען רעגולאמין.

* * *

ווי מ'גיט איבער וועט די פ.פ.ס. אריינטראגען א פארשלאג אין סיים וועגען אנקלאגען די געוועזענע רעגירונג אין מלוכה טריבונאל, די פ.פ.ס. האלט, אז די געוועזענע רעגירונג איז פעראנטווארטליך פאר די געשעהענישען אין בריסק.

* * *

וו א ר ש א, 23 (ט') דער „קוריער ווארשאווסקי" האט געכטען פערעפענטליכט עפליכע בריף פון פראפעסארען פון ווארשעווער אוניווערזיטעט און פאליטעכניקום, אין די בריף פעראייניגען זיך די אונטערגעשריבענע צום פראטעסט פון די קראקאווער פראפעסארען ווענען די בריסקער געשעהענישען, ס'פאלגען 100 אונטערשריפטען.

* * *

וו א ר ש א, 23 (טעלעפאניש) „יאזיטש ווארשאווסקי" שרייבט: אלע ידיעות וועגען דעם, אז פולק. קאסטעק ביערנאצקי זאל האבען ארויסגעפאהרען קיין אויסלאנד, שטימען נישט מיט דער ווירקליכקייט. פולק. ביערנאצקי געפינט זיך אין פשעמישל.

* * *

ק א ט א וו י ק, 23 (ספ. טעל.) קיין קאטאוויץ זענען אנגעקומען פיל זשורנאליסטען פון די אפאזיציאנעלע צייטונגען און פון דייטשלאנד, וועלכע האבען געוואלט וויסען סענסאציאנעלע נייעס פון בריסק פון דעם דעפ. קארפאנטי, וועלכער איז ערשט ארויסגעלאזען געווארען פון טורמע.

קארפאנטי האט נישט געגעבען קיין קלארע ענטפערען און ערקלערט, אז די אינטערפעלאציע פון „צענטראלעוו" דערציילט דעם גאנצען אמת.

וואלדעמאראס וויל וואוינען אין ווילנא

וו א ר ש א, 23 (טעלעפאניש) ווי מ'גיט איבער האט זיך דער געוועזענער ליטווישער פרעמיער וואלדעמאראס געווענדעט צו דער ווילנער וואיעוואדזטווע וועגען ערלויבען איהם צו באזעצען זיך אין ווילנא.

טראצקי זאל זיין ערנסט קראנק

ל א נ ד א ן, 23. (טו) לויט א ידיעה פון קאנסטאנטינאפאל זאל טראצקי, וועלכער געפינט זיך אויף דער עמיגראציע, זיין שווער קראנק, זיין לאגע זאל זיין זעהר ערנסט.

געשטארבען ווינטיל בראטיאנו

דער געוו. רומענישער פרעמיער

ו י ן, 23. (טו) מען מעלדעט אויס בוקארעשט, אז געכטען 10 אין אוונט איז געשטארבען דער אנפיהרער פון די רומענישע ליבעראלען, דער געוו. פרעמיער-מיניסטער ווינטיל בראטיאנו, ער איז געשטארבען פלוצלונג צוליב א הארץ און מוח-פאראליטש.

דרינגענדער פארשלאג וועגען פרעסע-קאנפיסקאציעס

וועלען אריינטראגען די פ.פ.ס.-ישע דעפוטאטען

וו א ר ש א, 23. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) די פ.פ.ס.-ישע דעפוטאטען גרייטען צו א אינטערפעלאציע וועגען די פרעסע-קאנפיסקאציעס זייט דעם 1. סעפטעמבער 1930. דער פארשלאג וועט פאדערען צוצוציהען די בעאמטע, וועלכע זענען שולדיג אין מיסברויכען ביי קאנפיסקאציעס צו געריכטליכע פעראנטווארטליכקייט.

אויסערארדענטליכער צוזאמענפאהר פון ארטיסטען-פעראיין

וו א ר ש א, 23. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט 11 א זייגער האט דער ארטיסט ראטשיין געעפענט דעם אויסערארדענטליכען צוזאמענפאהר פון יודישען ארטיסטען פעראיין אין פוילען. אלס פארזיצער איז געוועהלט געווארען דער ארטיסט ראטשיין, אין פרעזידיום: מישא פישזאן, מאזא, רובין, בראקאוש און בוזגאן.

בעריכטען האבען אפגעגעבען סאמבערג און יובילער. די דיסקוסיע איז זעהר א שטורמישע.

אין זיין בעריכט וועגען דירעקטאריאט האט ה' יובילער צוו, אנדערען געזאגט, אז נאר 2 פעראיינען טרופעס האבען נישט געגעבען קיין דעפיציטען: די ווילנער טרופע און דער לאדזער „ארט".

די פינאנץ-קאמיסיע פון דער יודישער אגענץ

האט אנגעהויבען איהרע זיצונגען

ב ע ר ל י ן, 23. (יט"א טעלעגראפיש) היינט האט אנגעהויבען איהרע זיצונגען די פינאנץ-קאמיסיע פון דער יודישער אגענץ. דעם פארזיץ פיהרט דירעקטאר אסקאר וואסערמאן, אין די זיצונגען בעטייליגען זיך אויך פראפ. העקשטער און ד"ר בערנארד קאהאן.

נאכפאלגער פון געזאנדטער ראושער

ב ע ר ל י ן, 23. (ספ. טעל.) אלס נאכפאלגער פון פערשטארבענעם דייטשען געזאנטער אין פוילען ווערען אנגערופען די נעמען פון פאן—מאלטקע און טראוטמאן.

ארעסטירט אין מעקסיקא

דעם סאוויעטישען פילם-רעזשיסער אייזענשטיין

נ י ו-י א ר ק, 23. (טו) אין מעקסיקא איז ארעסטירט געווארען דער בעקאנטער סאוויעטישער פילם-רעזשיסער אייזענשטיין, דער מחבר פון „פאטיעמקין", וועלכער איז בעשולדיגט געווארען אין באלשעוויסטישער אגיטאציע. אייזענשטיין איז שפעטער בעפרייט געווארען און דער פאליציי פרעזידענט האט זיך ענטשולדיגט פאר דעם פאל.

דער נייער צוזאמענשטעל

פון ראט פון די פאלקס-קאמיסארען

ק א וו נ א, 23 (טו) די פערזאנאל-ענדערונגען אין ראט פון די סאוויעטישע פאלקס-קאמיסארען איז שוין פולשטענדיג פערענדיגט. דער ראט שטעלט זיך איצט פאר אויף פאלגענדען אופן: פארזיצער — מאלאטאוו, פערטרעטער — רודסטוק, אויסערן-קאמיסאר — ליטווינאוו, קריגס קאמיסאר — ווארשילאוו, פינאנץ קאמיסאר — גרינקא, פערקערס קאמיסאר — יאכימאוויטש, לאנדווירטשאפטס-קאמיסאר — יאקאוולעוו, ארבייטס-קאמיסאר — זיראן, פויערמאינספעקטאר — אנדרעיעוו.

מארשאל פילסודסקי אנגעקומען אין מאדעירא

ל י ס א ב א ן, 23 (ספ. טעל.) מארשאל פילסודסקי איז שוין היינט אנגעקומען אויפ'ן אינזעל מאדעירא, וואו ער וועט פערברענגען זיין אורלויב-צייט.

פויליש-פראנצויזישע קאנפערענץ

וועגען א גרויסער הלואה פאר פוילען

וו א ר ש א, (טעלעפאניש) נאך די חגאות וועט פארקומען א גרויסע פויליש פראנצויזישע קאנפערענץ וועגען א גרויסער הלואה פאר פוילען, וועלכע זאל בעקומען ווערען פון א גרופע פראנצויזישע באנקירען.

נייער גרויסער קראך אויף דער ניו-יארקער בערזע

נ י ו-י א ר ק, 23 (ספ. טעל.) מען מעלדעט וועגען א נייעם גרויסען קראך אויף דער ניו יארקער בערזע. אלע ווערטפאפירען זענען שטארק געפאלען. ס'הערשט א געוואלדיגע מהומה. דער באנקיר האניסטאן פון באלטימאר איז בעגאנגען זעלבסטמארד.

קופאן

אויף א יורידישער עצה

גילטיג מיטוואך, דעם 24-טען דעצעמבער

א בעקאנטער יוריסט ערטיילט יורידישע עצות פון 3 ביז 4 א זייגער נאכמיטאג אין רעדאקציע פון אונזער צייטונג, פיעטריקאווער 21.

אינטערעסאנטען דארפען מיטבריינגען דעם קופאן פון „נייעם פאלקסבלאט" — פון דעם זעלבען טאג. —

פערמשפט געווארען אויף 6 יאהר תפיסה

און נעלם געווארען פון געריכטס-זאל

ס א ס נ א וו י ק, 23 (טעל.) היינט איז פארגעקומען דער פראצעס געגען א געוויסען באלעסלאוו שטאנקא, וועלכער איז בעשולדיגט געווארען, אז ער איז געווען א מיטגליד פון קאמוניסטישן צ. ק. ער איז פער'משפט געווארען אויף 6 יאהר תפיסה. נאר איידער מ'האט זיך ארומגעקוקט איז דער פערמשפט'ער נעלם געווארען פון געריכטס-זאל. ביז איצט האט מען איהם נישט געכאפט.

לאדזער נייעס

רעגיסטראציע פון ארבייטסלאזע

צו בעקומען בעהייצונג

מאנטאג דעם 22 דעצ. האט זיך אנגעהויבען אין לאקאל פון ארבייטסלאזען-פאנד, 28. שיסער-פילק 32, די רעגיסטראציע אויף בעהייצונג פאר ארבייטסלאזע, וועלכע האלטען אויס א פאמיליע (סריילידיגע זענען אויסגעשלאסען) עס וועלען נאר רעגיסטרירט ווערען די ארבייטסלאזע, וועלכע זענען פערשריבען אויף ארבייט אין ארבייטס-פערמיטלונגס-אמט און מעלדען זיך יעדען חודש צו קאנטראלע.

מיטוואך, 24 דעצעמבער

K L Ł

שבת, 27 דעצעמבער

M N O

מאנטאג, 29 דעצעמבער

P R S

דינסטאג, 30 דעצעמבער

T U W Z Ż

די ארבייטסלאזע דארפען צושטעלען: 1) א פאס; 2) לעגיטימאציע פון ארבייטספערמיטלונגסן אמט מיט קאנטראל-סטעמפעל פון יעדען חודש און 3) קראנקען קאסע-ביכעל און א רשימה פון די מיטגלידער אין זייערע פאמיליעס.

די שקל-אקציע אין „התאחדות"

אין צוזאמענהאנג מיט דער שקל-אקציע ארדענט „התאחדות" איין א רייה פערזאמלונגען, היינט מיטוואך קומט פאר א פערזאמלונג פון סתם ח"וצים אין דאנגערשטאג א יוגענד פערזאמלונג, און די פערזאמלונגען בעטייליגן זיך: יוסף לוי, דוד אופיר פון א"י, פישל סטעמפעטיצקי און ג. ליכטענשטיין.

פייערלעשער-באל — 1 פעברואר

די פייערלעשער ארדנען איין היי-יאהר זייער מאסקען באל אין פילהארמאניע דעם 1 פעברואר.

לעצטע געזעגנונגס-פארשטעלונגען פון פאול בארטאוו

די דירעקציע פון יודישען טעאטער האט צוגעגרייט א זעהר רייכען רעפערטואר צו די לעצטע געזעגנונגס-פארשטעלונגען פון בעריהמטען ארטיסט פאול בארטאוו, וועלכער האט זיך ערווארבען אזויפיל אנערקענונג ביים טעאטער-עולם. די לעצטע פיעסע וואס באראטאוו וועט געבען אין לאדז איז די סענסאציאנעלע דראמע, וואס האט געמאכט א רושם אין דער גאנצער וועלט און הונדערטער מאל געשפילט געווארען אין די פראנצויזישע און אמעריקאנישע טעאטערס „יא א מאן, נישט א מאן"? די דראמע בעהאנדעלט א ענין אין דעם גאנצען פערנעהם. די גאנצע טראגעדיע פון דער דאזיגער לאגע מיט איהרע אלע קאנסעקווענצען.

די דראמע ווערט שוין געשפילט צום ערשטען מאל היינטיגען פרייטאג. מארגען דאנערשטאג ווערט געגעבען 2 פארשטעלונגען: 4 בייטאג א ב'ויסע פאלקס-פארשטעלונגען צו די ביליגסטע פרייזען ס'ווערט געשפילט „הינקעמאן", 9 אוונד שלום אשס „גאט פון נקמה".

„ווער מיר גוטס גינט"

דאס נייע פראגראם אין „ארט"

דאס קאמער-טעאטער „ארט" איז שוין פערטיג מיט דעם נייעם דריטען פראגראם וואס וועט הייסען „ווער מיר גוטס גינט". דאס פראגראם בעשטעהט פון מאטעריאל פון פ"ק. בראדערזאן. דער טונקעלער און קאוואנאווסקי. דעקאראציעס העררליכע האט ווידער צוגעגרייט יצחק ברוינער, מוזיק ה' רוביי און א. בייגעלמאן. די פרעמיערע פון נייעם גרויסען פראגראם ווערט געגעבען שוין מארגען דאנערשטאג 7.45 און 9.45 אין אוונד.

ראדיא-פראגראם

מיטוואך ד. 24 דעצעמבער

11,58 צייט-סיגנאל, 12,05 גראמאפאן-פלאטען, 13,15 טאג-פראגראם קינא-און טעאטער רעפערטואר, 17,00 אודיציע פאר קינדער, 17,35 קאנצערט פון באיקא, 18,15 אודיציע פאר יוגענד, 21,10 ווייניכט אודיציע פון אלע ראדיא-סטאציעס.

Dr. med.
W. Eychner
גינעקאלאג-אקושער
זגערזשער 11
טעלעפאן 72–134
נעמט אן פון 2–3 נאכמ.
און פון $7\frac{1}{2}$–9 אוונד.

א בעקאנטער זדון
פיהרט אויס אלערליי זדון-ארבייטען פינקטליך און צו צוגענגליכע פרייזען.
לוטאמירסקא 9
Józef Majczak

שרעקליך אומגליק מיט 2 יודען

זיי ווערען דערדריקט דורך אנ'איבערגעדרעהטער פוהר און צוליב מאנגעל אין הילף שטארבען זיי

(—) אויפ'ן שאסיי פון ראגאוו קיין לאדז האט נעכטען 7 א זייגער אין דער פריה א פויער וואס איז געפאהרען אויף א ראוער דערועהען אויפ'ן וועג אן איבערגעדרעהטע פוהר מיט סחורה און אונטער איהר 2 מענשען, וועלכע וויזען נישט ארויס קיין סמנים פון לעבען.

דער פויער האט געמאכט אנ'אלארם. ס'זענען זיך צונויפגעלאפען ארומיגע פויערים און מ'האט ארויסגענומען פון די ליגענדע מענשען. ס'איז אויך ארויסגערופען געווארען א דאקטאר, וועלכער האט ערקלערט, אז ביידע מענשען זענען טויט, זיי זענען דערדריקט געווארען. און ווען די הילף וואלט געקומען א ביסעל פריהער וואלט מען זיי געקענט אפראטעווען דאס לעבען.

די ערשטע פאליציאישע אויספארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז ביידע אומגעקומענע זענען יודען: דאס זענען נטע און חיים פאגעל פון ראגאוו. ווי מען איז זיך משער זענען זיי ביידע נעכטען אין אוונט ארויסגעפאהרען קיין לאדז. זיי זענען איינגעשלאפען און די פוהר, אנשטויסענדיג אויף א שטיין, האט זיך איבערגעקעהרט און צוגעדריקט די אומגליקליכע, וועלכע האבען זיך לאנג געראנגעלט, אבער נישט געקענט זיך ארויסבעקומען פון אונטער דער שווערער משא, ביז זיי זענען אזוי ארום געשטארבען.

די טויטע קערפערס זענען דערווייל געבליבען אונטער דער אויפזיכט פאליציי.

נייער פאלקסבלאט

דער יודישער האנדווערקער

נייער פאלקסבלאט

וועכענטליכע אפטיילונג געווידמעט דער יודישער פראדוקטיווער ארבייט

די ערשטע ווארנונג

אויפ'ן ראנד פון דער פעראָרדנונג פון מיניסטעריום פאר עפענטליכע ארבייט וועגן די בוי-ארבייטען

די לאָדזער האנדווערקער-קאמער האט דערהאלטען פון בוי-דעפא־טאמענט ביים מיניסטעריום פאר עפענטליכע ארבייטען אויפקלערונגען וועגן בעשעפטיגען מויערער- און טישלער-מייסטער ביי בוי-ארבייטען. די האנדווערקער-קאמער האט די דאזיגע אויפקלערונגען פאנאנדערגעשיקט צו אלע צעכען און האנדווערקער-פעראיינען אין דער וואָיעוואודזטווע.

אין די דאזיגע אויפקלערונגען טייטשט אויס דאס מיניסטעריום: ארבייטען אויף וועלכע מ'דארף פאר'ן אויספיהרען האבען א בעשטעטיגטען פלאן דארפען געמאכט ווערען אונטער דער אויפזיכט פון טעכנישען לייטער. אויף די אלע מויערער-, טשעשלער- א. אנד. ארבייטען, וואס קוואליפיצירען זיך אלס פרייער האנדווערק דארפען נישט האבען קיין ספעציעלע ערלויבנישען נאר אזוי ווי — ווערט ווייטער געזאגט אין דער אויסטייטשונג — דאס בוי-געזעץ זעהט פאר, אז די מאכט דארף אפהיטען דאס די בוי-ארבייטען זאלען אויסגעפיהרט ווערען לויט די פערעפליכטענדע געזעצען און פרינציפען פון בוי, דעריבער דארפען די אויספיהרער פון די דאזיגע ארבייטען, וואס זענען פערבונדען מיט דער זיכערקייט אויפ'ן בוי גופא און מענשליכען געזונד זיין פאך-לייט, ד. ה. אזעלכע, וואס האבען בעקומען „מייסטער-רעכט". וגם די פעראָרדנונגען וועגען בוי זעהט נישט פאר אזא פאדערונג, דארף מען די דערמאהנטע ארבייטען איבערגעבען נאר קוואליפיצירטע מענשען אויך צוליב דער פעראנטוואָרטליכט פאר דער זיכערקייט, וועלכע ס'טראגען די לייטער און די אונטערנעהמער פון די ארבייטען.

אזוי ווייט דער קורצער אינהאלט פון דער פעראָרדנונג. בעת דער אינדוסטריע געזעץ האט זיך נאך געפונען אין די סיים-קאמיטעס האבען די יודישע דעפוטאטען אנגעוויזען אויף דער געפאהר פון דעם געזעץ פאר דער יודישער בעפעלקערונג: די הויפט געפאהר בעשטעהט אין די אויסטייטשונגען, וואס וועלען געמאכט ווערען אויף אנ'אדמיניסטראטיווען אופן.

איצט בעקומען מיר די ערשטע וואהרנונג. די פעראָרדנונג פון מיניסטעריום פאר עפענטליכע ארבייטען ווערט נאטירליך טרעפען אויף די יודען בפרט אויף די קרעסען הגם אין אלע 7 פאכען בילדען זיי קוים 30 פראצענט פון די רעגיסטרירטע. אבער אויך פון דער דאזיגער צאהל האבען נאר איינצעלנע מייסטער-דיפלאמען.

די פעראָרדנונג איז אבער א וואהרנונג, אז אזעלכע אויסטייטשונגען קענען קומען אין איזאָלירען פון זייערע פרנסות גאנצע גרופען יוד. האנדווערקער, וואס דארפען זיין צוגעגרייט צו דעם. אין דער ערשטער רייהע מוזען זיי זיך בעזאָרגען מיט מייסטער-דיפלאמען. די הנהלה-עקזאמענס דויערען ווייטער און מ'דארף זיי אויסנוצען.

ס'דארף קלאָהר ווערען פאר יעדען יודישען האנדווערקער, אז אהן א מייסטער-דיפלאם וועט ער קיין פרנסה נישט קענען האבען און ער מוז זיך דעם דיפלאם בעשאפען.

א נמשל.

פראבלעמען פון יודישער עקאנאמיק

ארבייט און עמיגראציע

ארבייט. מיר ווייסען, אז אין די עקאנאמיש ענטוויקעלטע לענדער איז די ווארשטאטען־פראָדוקציע פערביטען געוואָרען דורך דער גרויס־אינדוסטריע; די כוחות, וואס זענען פריי געוואָרען דורך דער צופאלונג פון די קליינבירגערליכע ווירטשאפטס־אָרגאניזאציעס (למשל צעכען), האבען סוף־כל־סוף געפונען זייער אָרט אין די פאבריקען. מען קען עס אָנרופען דעקלאסירונג אָדער אנדערש, געוואירקט האט אבער אויף יעדען פאל אנ'עקאנאָמישע נויטוועדיגקייט. אין פוילען האט זיך דער פראצעס אנגעהויבען שפעטער ווי אין מערב און איז היינט נאך ווייט נישט פערענדיגט; וואלט דאן אויס געקומען, אז דער דעקלאסירטער יודישער קליינבירגער זאל אויך געפינען זיין מקום־מקלוט אין פאבריק. דאס איז צום טייל נאר געשעהען. ערשטענס דערפאר ווייל דער יודישער קליינבירגער האט זיך נאר דאן ענטשלאסען אויף פאבריק־ארבייט, ווען אלע אנדערע לעבענס־מעגליכקייטען זענען ב ייאוש אפגענומען געוואָרען. אמת ווען ער האט קיין ברירה נישט, איז ער גרייט צו דער שווערסטער ארבייט און וועט אנדערע נישט נאָכשטיין. אזא גויס־לאגע האט זיך געשאפען נאך דער וועלט־מלחמה, אבער ארבייטס־מעגליכקייטען פעהלען. נישט נאר וואס יודען ווערען נישט אנגענומען אין נישט יודישע אונטערנעמונגען, ווערען זיי נאך אויך ארויסגעשטויסען פון די ערטער, וואו זיי האבען פריהער געארבייט (א שטייגער פון די מאנאפאָליזירטע אינדוסטריע־צווייגען) אדער אפילו פון יודישע אונטערנעמונגען.

דער יודישער אונטערנעמער רעכענט זיך קודם כל דערמיט, וואס עס לוינט איהם, און נישט מיט נאציאנאלער סאלידאַריטעט; אבער ס'איז נישט געזאגט, אז דער יודישער ארבייטער זאל נישט קענען אויסהאלטען די קאנקורענץ מיט אנדערע. דער יושר פאדערט ווייטער, אז יודען זאלען אויך קענען בעקומען ארבייט ביי נישט יודען. דאס קען אויסזעהען ווי יודישער אימפעריאליזם: וועלען זיי־כערען די יודען ארבייט ביי יודישע ארבייטסגעבער און נאך איינעמען פאר זיי די ארבייט ביי נישט־יודען; אבער אינדער־אמתן איז עס נאר אנ'אפוועהר אין דער היינטיגער אומנארמאלער לאגע, וואו מען שטופט די יודען פון אומעטום ארויס. ווען נישט דאס, וואלט די פראגע בכלל דאך נישט געשטאנען. אזוי ווי אויף דעם געביט וועלען מיר א צייט מוזען ווארטען אויף ממשותדיגע דערגרייכונגען, מוז מען זיך נאך רעכענען מיט אנ'אויסגאנגס־וועג:

עמיגראציע. אין די לעצטע צעהנדליגער יאהר פאר דער וועלט־מלחמה איז געגאנגען א ריזיגער עמיגראציע־שטראם פון מזרח־אייראפא — דער עיקר אין די פעראייניגטע שטאטען דאס דאזיגע עמיגראציע־לאנד, וואס איז געווען צוממעהרסטען צוגעפאסט פאר די יודישע עמיגראנטען, האט זיך אבער בהדרגה כמעט אינגאנצען פערשלאסען, און ס'האט זיך געשטעלט די פראגע וועגען זוכען נייע וועגען. אבער אויך אנדערע לענדער האבען צום טייל נאכגעטון די פעראייניגטע שטאטען, אדער זיי דארפען א ספעציעלען, קוואליפיצירטען טיפ עמיגראנטען. היינט האלטען מיר דערביי, אז נישט געקוקט אויף די נישט איינמאל מסירת נפשדיגע אנשטרענגונגען פון די עמיגראנטען, איז נאך אלץ א פראגע, צי די עמיגראציע שעפט אויס דעם נאטירליכען צוּוואוקס פון די מזרח־יודען (אין פוילען אנ'ערך פערציג טויזענד נפשות א יאהר).

בכלל קען מען זאגען, אז די יודישע עמיגראציע האט טיילווייז א צופעליגען כאראקטער, טיילווייז האט זי אנגענומען אדער קען נאך אננעהמען דעם כאראקטער פון פלאנמעסיגקייט, ארגאניזאציע און צופאסונג צום עמיגראציע־לאנד. בעת אין ערשטען פאל קען די צוגרייטונג נאר זיין אנ'אלגעמיינע — ווי ענטוויקלען די אינטעליגענץ, לערנען די שפראך, איז מעגליך אין צווייטען פאל נאך אויך צוצוגרייטען צו פראפעסיעס. ארגאניזירען גרופעס פון עמיגראנטען, אין אנדערע פאלען קען דאס געשעהן נאך אין דער אלטער היים, דער המשך פון דער צוגרייטונג קען פארקומען שוין אין בעשטימונגס־לאנד. ביי אונזערער היינטיגער לאגע וואלט פלאנמעסיגע עמיגראציע בעדארפט שפילען די הויפטראלע און עס דארף פארקומען א שטענדיגע צוגרייטונגס־ארבייט. דאס וועט קענען פארקומען ביי א ווייטגעהענדיגער קאנצענטראציע פון די עמיגראציע־געזעלשאפטען און ביים שאפען גרעסערע געלד־מיטלען. געוועהנליך איז אבער דאס ערשטע זעהר אפט א פערלייכטערונג פאר דעם צווייטען: דער געלד־געבער האט מעהר צוטרוי צו א גרויסער אינסטיטוציע, איידער צו א קליינער, וואס קען מאכען אנ'איינדרוק פון נישט־דויערהאפטיגקייט, עס וואלטען אויך בעדארפט מעהר אויסגענוצט ווערען צוגרייטונגס - לאגערען און ספעציעלע פראפעסיאנעלע שולען. דא וואלט מען געקאנט א סך אויפטון דורך פלאנמעסיגער צוזאמענארבייט מיט די שוין עקזיסטירענדע געזעלשאפטען, וואס האלטען אויס שולען (סיי פראפעסיאנעלע, סיי אלגעמיינע), אז אזא ארבייט קען ברענגען פרוכט און אז ס'זענען פערהאן מעגליכקייטען פאר פלאנמעסיגער עמיגראציע, האט געוויזען די עמיגראציע קיין פאלעסטינא (צוגרייטונגס־גרופעס) אויף דער מעגליכקייט פון א פלאנמעסיגער עמיגראציע קיין פראנקרייך האט ווידער אנגעוויזען אין זיינע אינטערעסאנטע ארטיקלען אין „וו. טאג" פראפ. קראל. מען דארף בכלל בעמערקען, אז אויך דא וועלען זיך די ווירקונגען ווייזען בהדרגה, אבער די ארבייט מוז זיין א דויערהאפטע.

ד"ר מ. העלער.

אזוי צו אזוי

אבער ס'דארף געענדערט ווערען

מ'גיט אונז איבער, אז די עקזאמינאטארס אין די אזוי־גערופענע „נישט יודישע" פאכען ד. ה. אין די קאמיסיעס, וואו די פארזיצערס זענען נישט קיין יודען, פיהרען זייערע עקזאמענס אויף אזא אופן, וואס צווינגט אונז צו פערטראכטען זיך —

איינס פון די ביידע: אדער די עקזאמינאטארס קענען נישט דאס געזעץ, וועגען הנחה־עקזאמענס, אדער זיי קענען איהם יא און ווילען זיך לויט איהם נישט ריכטען, כדי צו קענען שיקאנירען די האנדווערקער, וואס געהען צו די עקזאמענס.

אזוי צו אזוי, די מיטגלידער פון דער האנדווערקער־קאמער און די יודישע אין דער ערשטער רייהע מוזען זיך מיט דער פראגע פעראינטערעסירען און זעהען, אז די מאסגעבענדע קרייזען זאלען אויפקלערען די עקזאמינאטארען זייערע אויפגאבען, רעכטען און פליכט.

א. נ.

יובל-פערזאמלונג פון די שוסטערשע קאסעס אין ווילנע

ווילנע. שבת אוונד איז אין זאל פון האנדווערקער־פעראיין פארגעקומען אנ'אקאדעמיע, געווידמעט דעם פינף־יעהריגען יובילעי פון דער ליי און פערזיכערונגס־קאסע ביים שוסטער־פאך.

דער שוסטער־פאך איז דער סאמע ארגאניזירטער און ריהרעוודיגסטער פאך ביי די האנדווערקער אין ווילנע. צוליב דעם וואס די שוסטער־האנדווערקער זענען זעהר ארעם, איז פאר זיי מעהר ווי פאר אנדערע פערשלאסען דער צוטריט צו די עפענטליכע פינאנציעלע אינסטיטוציעס. א שוסטער איז שווערער צו בעקומען א הלוואה אין באנק און וואס ארימער ער איז, אלץ ווייניגער מעגליכקייטען האט ער צו קריגען ערגעץ געלד אויסצוקערען ווען זיך אין א שלעכטער צייט. דעריבער טאקע האבען די שוסטער זיך ארגאניזירט געשאפען א לייה־ און פערזיכערונגס־קאסע. די לייה־קאסעס גיט ארויס אן שום בעווארענישען און איבעריגע פארמאליטעטען אנ'אנפראצענטיגע הלוואה ביז 250 גילדען אויף פינף חדשים. די פערזיכערונגס־קאסע צאהלט ארויס איהרע מיטגלידער, וועלכע ווערען קראנק, דרייסיג גילדען א וואך אין משך פון דריי חדשים. ביידע קאסעס צוזאמען ציילען שוין ביים היינטיגען טאג הונדערט מיטגלידער.

זעהר א סך האבען די דאזיגע קאסעס שוין אויפגעטון פאר די ארעמע מיטגלידער זייערע און וועלען אויף ווייטער נאך מעהר אויפטון, פערגרעסערענדיג די הלוואה ביז 500 גילדען און די קראנקען אונטערשטיצונג ביז פופציג גילדען א וואך.

אויף דער אקאדעמיע זענען זיך צונויפגעקומען ביי 150 האנדווערקער, מעהרסטענס כאלופניקעס.

קאנפערענץ וועגען די נישט=מעכאניזירטע בעקערייען

ווי בעקאנט דארפען פון 1־טען יאנואר ליקווידירט ווערען די בעקערייען, וועלכע ענטשפרעכען נישט די נייע פארשריפטען. אין צוזאמענהאנג דערמיט האט דער רעפערענט פון דער האנדווערקער־קאמער ד. קאצענבאגען אפגעהאלטען א קאנפערענץ אין וואיעוואודזטווא מיטן לייטער פון דער אפראוויזאציע אפטיילונג ה' לאדעווסקי.

בעת דער קאנפערענץ האט ד. קאצענבאגען אנגעוויזען דאס דער גרעסטער טייל פון די בעקערייען וואס געפינען זיך אין די קעלערס זענען געהאלטען אין א מוסטערהאפטער ארדנונג און זיי באקען אויס היגיענישע געבעקס. די אינהאבער פון אזעלכע בעקערייען האבען זיך נישט געקענט איינשאפען קיין נייע לאקאלען און מעכאניזירען זייערע בעקערייען און אויב זייערע בעקערייען זאלען געשלאסען ווערען, וועלען די בעקער רואינירט ווערען.

ד. קאצענבאגען האט זיך אויך אפגעשטעלט אויף דער עלימער לאגע פון די בעקער אין טאמאשאוו, בזשעזשין, קאליש און אנד.

דער לייטער פון אפראוויזאציע־אמט לאדעווסקי האט זיך מיט דער פראגע פעראינטערעסירט און האט צוגעזאגט גינסטיג צו בעהאנדלען די פראגע.

—I—

די צאהל האנטווערקער אין פוילען

וועגען דעם שרייבט ד"ר י. ליפאווסקי אין „דער קאאפעראטיווער בעוועגונג", שטיצענדיג זיך אויף די מאטעריאלען פון סטאטיסטישען הויפט אמט.

ער ווייזט אן, אז די רעגיסטראציע פון די האנדווערקער־קאמערן נעהמט ארום נאר א טייל פון דער אלגעמיינער צאהל האנדווערקער אין פוילען.

דורכ'ן אינדוסטריעלען געזעץ גופא ווערען אויסגעשלאסען א רייה וויכטיגע פאכען, וועלכע געפינען זיך נישט אין דער רשימה, וואס איז אנגעגעבען אין ארט. 142 פון אינדוסטריעלען געזעץ פון 15־טען דעצעמבער 1927.

ווערען איצט טאקע מצד די האנדווערקער־קאמערן געמאכט בעמיהונגען, אז די דערמאהנטע רשימה זאל בעדייטענד פערברייטערט ווערען. אבער אפילו די האנטווערקער, בעזונדערס יודען, וואס האבען בעקומען האנדווערקער־קארטען אין הסכם מ'ט'ן געזעץ אלס פערזאנען, וואס זענען שוין פאר דעם דאזיגען טערמין געווען טעטיג אלס זעלבשטענדיגע האנדווערקער, האבען זיך ווייט נישט אלע רעגיסטרירט.

ווי גרויס ס'איז די צאהל נישט רעגיסטרירטע האנדווערקער איז שווער גענוי צו בעשטימען. לויט א שאצונג פון האנדעלס מיניסטעריום פערמאגט פוילען ביי 315 טויזענד האנדווערקער. אראפרעכענענדיג די צאהל רעגיסטרירטע 197,802 בעקומען מיר 117,000 נישט רעגיסטרירטע.

דער אויבענדערמאהנטער ארט. 142 נעהמט ארום 67 פאכען, וועלכע ווערען פערטיילט אין 7 גרופעס. די גרופירונג איז דורכגעפיהרט אויף א גאנץ אנדערען אופן ווי אין דער אפיציעלער סטאטיסטיק. אזוי למשל, געהט אריין די גאנצע בראנזשע בעקליידונג אין דער טעקסטיל גרופע.

עס געהען ווייטער טאבעלען, פון וועלכע ס'איז צו זעהען, אז דער דורכשניטליכער פראצענט־אנטייל פון יודען צווישען האנדווערקער פאר גאנץ פוילען בעטרעפט 39,7 פראצענט; דער דאזיגער פראצענט־אנטייל איז בעדייטענד אראפגעלאזט געווארען דורך די מערב וואיעוואדשאפטען, וואו דער יודישער עלעמענט איז נישטיג קליין (ס"ה 101 יודישע האנטווערקער אויף אנ'אלגעמיינער צאהל 46.995). לאזט מען ארויס פון חשבון די מערב וואיעוואדשאפטען שטייגט דער פראצענט יודען ביז 51,9. אויף דער הויך פון דעם דאזיגען פראצענט האט קודם כל געווירקט דער גרויסער אנטייל פון יודען אין בעקליידונגס־פאך, וואו ס'איז קאנצענטרירט די ווייט גרעסטע צאהל יודישע האנדווערקער.

עס ווארפט זיך קודם־כל אין די אויגען דער גרויסער אונטערשיד צווישען יודען און נישט יודען אין טעקסטיל (וועלכע נעהמט ארום לויט דער אפיציעלער האנטווערקער־קלאסיפיקאציע אויך די גרופע בעקליידונג), וואו ביי נישט יודען קומט אן אויף דעם דערמאהנטען צווייג עפעס מעהר פון איין צעהנטעל (11,5 פראצענט), בעת ביי יודען איז אין דאזיגען צווייג קאנצענטרירט א דריטעל (33 פראצענט) פון דער אלגעמיינער צאהל האנטווערקער.

אויך גאר א גרויסען אונטערשיד צווישען יודען און נישט־יודען, אבער אין א פערקעהרטער ריכטונג, קאנסטאטירען מיר אין דער גרופע האלץ, וואו נישט־יודען גיבען אפ דעם דאזיגען צווייג 17 פראצענט פון זייער צאהל, יודען ס"ה — 7,9 פראצענט.

יודישע האנטווערקער פאלען דורך ביי עקזאמענס אין ווילנע

אין ווילנע זענען דורך דער האנדווערקער־קאמער דורכגעפיהרט געוואָרען עקזאמענס פאר זייגערמאכער. פון פינף יודישע קאנדידאטען, וועלכע זענען צוגעטראטען צום עקזאמען זענען פיער דורכגעפאלען.

ס'איז כדאי צו בעמערקען, אז די 4 „דורכגעפאלענע" פיהרען שוין לאנגע יאהרען זעלבסטשטענדיגע ווארשטאטען און האבען אליין שוין ארויסגעלאזען פיל לערן־יונגלעך. בכלל ווייזט מען אן, אז ס'הערשט א טענדענץ ביים עקזאמינירען יודישע פאטאגראפען און זייגער־מאכער זיי נישט דורכצולאזען.

דער דאזיגער פאקט האט אין די קרייזען פון די יודישע האנדווערקער ארויסגערופען א גרויסע אויפרעגונג, מחמת מ'זעהט אין דעם איין א בפירושע אנטיסעמיטישע טענדענץ. דער צעך פון זייגער־מאכער און יובעלירער האט אויסגעארבייט וועגען דעם ענין־עקזאמענס א גענוי מאטיווירטען מעמאראנדום, וועלכער ווערט בעטראכט ווערען אויף דער נאהענסטער כערוואלטונג־זיצונג פון דער האנדווערקער־קאמער.

אין אפגרונט

סענסאציאנעל־עראטישער ראמאן (35

קאפיטעל עלף

די שידוכים

אין דער צייט, וואס ער איז ארומגעגאנגען מיט די גערא קען, האט ער געפונען אין זיין ביורא אין פאריז א קארטעל:

צעזאר גאסין פון ארמאנד
פרעזידענט פון דער ווײן־געזעלשאפט, מיטגליד פון דער צענטראל אונטערזוכונגס־ און אויפזאגונגס־קאמיסיע.

אנקעל צעזאר איז אין פאריז! צעזאר איז א מיטגליד פון אן אונטערזוכונגס קאמיטע! א, וואס פאר אן איבעררא שונג:

איידער זשאן האט זיך אפגעוואונדערט, איז דער אנקעל אריין.

דאס איז געווען דער זעלביגער צעזאר, נאר אין אנדערע קליידער, וואס האבען איהם צוגעגעבען דעם אויסזעהן פון א פרעזידענט.

ער איז געקומען אין פאריז קויפען אן אפאראט צו זיינע פלא צונגען.

ער איז אויך געקומען בעשטעלען זיין ביוסט, וועלכען זיינע פריינד ווילען שטעלען אין דער געביידע פון שטאטראט.

— דו זעהסט, אז זיי האבען מיך אויסגעקליבען פאר פרעזידענט! — האט צעזאר געזאגט מיט שטאלץ. — מיין אידעע וועגען פלאנצונגען האט געראטעוועט די ווײנגערטנער פון פראנקרייך. איצט זעהסטו, אז די בעסטע מיגשען זענען היצקעפ.

אזוי האט צעזאר געזאגט, אבער די הויפט־סבה פון זיין רייזע איז געווען אפצוגייסען זיין פלעמעניק פון פאנין.

ער האט בעוואוסט, אז דאס קען זיך צ העןלאנג, און דעריבער איז ער געקומען פערענדיגען דאס מיט איין קלאפ. דו ווייסט גוט, אז איך פערשטעה דאס געשעפט, — האט ער געזאגט צו זשאן.

— פריהער פאר אלץ מוזטו איהר אפגעבען דאס געלד, וואס זי האט מיר געבארגט. איך בין שטאלץ, וואס איך קען דאס צוריקגעבען. דיוואן וויל עס אויך. זי ווייס פון דעם גאנצען געשעפט, און זי איז צופרידען, וואס דו וועסט זיך בעפרייען פון דיינע קייטען דורך א חתונה מיט אן אנדער מיידעל.

זשאן האט זיך דאך בעלייריגט, וואס ער האט פערגליכען זיין געליבטע צו קייטען, ער האט נישט גענומען דאס געלד און האט געזאגט:

— נעהמט עס צוריק, אנקעל. איהר ווייסט דאך, אז פאני קימערט זיך נישט פאר געלד.

— יא, זי איז געווען א גוט מיידעל! — האט צעזאר געזאגט מיט א טרויעריג קול. — דאך נעהם דאס געלד. איך וויל עס ביי זיך נישט האבען, כדי איך זאל ווייטער נישט נעפרובט ווערען מיט די פאריזער זינד. געלד מוז מען האבען ביי א גט, פונקט ווי ביי א דועל.

נאך דעם קורצען שמועס זענען זיי אוועק אין א רעסטאראן, וואו זיי האבען זיך געזעצט עסען.

דארטען, ביים טיש, האט צעזאר ווייטער אנגעהויבען דעם געשפרעך.

— איך ווייס, אז עס איז שווער צו מאכען דעם ערשטען טריט, איך ווייס דאס פון מיין פריינד קארב בעז. ביז דעם טאג, וואס ער האט בעדארפט הייראטען, האט זיין געליבטע נישט געוואוסט דערפון. אינאווענד, נאכדעם, ווי ער האט בעזוכט זיין כלה, איז ער אוועק אין טעאטער און האט פון דארטען גענומען זיין מיידעל א היים. דעם טאג פאר זיין חתונה, דעם 15־טען אויגוסט, איז געקומען צעזאר און האט איינגעלאדען די פרוי, זי זאל מיט איהם פאהרען פישען. איך האב איהר פערשפראכען, אז איהר ליבהאבער וועט קומען צום עסען, און מיר וועלען אלע דריי פערברענגען א פאר טעג אויפ׳ן לאנד. זי האט די איינלאדונג אנגענומען, מיר זענען אוועק, האבען געכאפט פיש, זענען געגאנגען שווימען, און זענען בעקומען אין הויטעל עסען. קארבעבעז איז נישט געקומען, אבער דער מאהלצייט איז געווען א גוטער און א פרעהליכער, און מיר האבען געגעסען ביז׳ן האלז.

נאך דעם עסען זענען מיר ארויס אויף דעם באלקאן און האבען זיך דארטען אם זירט. די פרוי האט בעדויערט, וואס איהר ליבהאבער איז נישט געקומען, ווייל זי האט גראד געוואלט א הוליע זיין. איך האב עס אויך געוואלט, אבער איך האב זיך געהאלטען רוהיג, ווייל איך האב מורא געהאט, איך זאל נישט פערדארבען מיין פלאן. ענדליך, ווען איך האב געזעהען, אז זי איז גוט פערקנאקט מיט שאמפאניער, האב איך זי ארומגענומען און האב איהר דערקלעהרט אין ליבע. אבער זי האט מיך אפגעשטופט מיט א געלעכטער, און ווען מיר זענען נאכדעם געגאנגען שלאפען אין בעזונדערע צימערן, האט זי געזונגען, געריעדט און געלאכט און האט אלץ געזוכט צו בעווייזען, אז קארבעבעז איז שעהנער און בעסער פאר צעזאר. אויף מארגען האבען מיר זיך געטראפען ביים פריהשטיק. די פרוי איז שוין געווען אומרוהיג, ווייל איהר ליבהאבער איז אלץ נישט געקומען. ענדליך האט צעזאר ארויסגענומען זיין זייגער און האט מיט גרויס פערגעניגען אויסגעריפען:

— עס איז צוועלף א זייגער, דאס איז געשעהען!

— וואס איז געשעהען?

— ער האט געהייראט.

— ווער האט יעהייראט?

— קארבעבעז!

— א, מיין פריינד, איך קען דיר נישט פערציילען, וואס פאר א סצענע דארט איז געווען. זי האט געוואלט תיכף לויפען אין פאריז אבער ביז פיר איז נישט געווען קיין צוג, און קארבעבעז איז דערווייל שוין געווען אויף דעם וועג קיין איטאליען מיט זיין בעזונדער ווייב; אין איהר כעס האט זי זיך געשלאגען און געביסען. זי האט צוריסען די כלים און ענדליך געפאלען אין א היסטעריק.

(פארזעצונג קומט).

די נייע פעראָרדנונג וועגען זאלץ־פערקויף

דער זאַלץ־פערקויף איז ענטגילטיג געאָרדענט געוואָרען דורך דער פעראָרדנונג פון פינאַנץ־מיניסטער פון 24. נאָוועמבער 1930, וואָס איז דערשינען אין „דז. אוס.“ נומער 87.

דער זאַלץ־פערקויף איז ווי בעקאַנט אַ מלוכה־מאנאפאָל. דער הויפט־פערקויף ליגט אין צענט־ראַל־ביוראָ אין ווארשא. מען טאָר נישט מיט זאַלץ הויזירען, נאָר זאַלץ מוז פערקויפט ווערען אין סטאַבילע געשעפטען. דער מאנאפאל־אָפּצאָהל פון הונדערט קילא בעטרעפט 13.50 זל. ווען דאָס זאַלץ איז ווייס שטיין־זאַלץ אָדער שיט־זאַלץ, דאַר־געגען בעטרעפט ער 8.50 זל. ווען עס האַנדעלט זיך וועגען גראָהען שטיין־זאַלץ. זאַלץ, וואָס איז בעשטימט אויף פערבעסערען די פאַשע פאַר בהמות אָדער פאַר אינדוסטריע־צוועקען, איז פריי פון מאנאפאל־אָפּצאָהל. די דעטאַיל־פרייזען פאַר זאַלץ: פאַר הונדערט קילא שיט־זאַלץ און ווייס שטיין־זאַלץ מיט דער פאַקונג — 36 זל. פאַר הונדערט קילא גראָהען שטיין־זאלץ 26 זל. ווען די פער־פאַקונג איז אַ קאַרטאָן פערפאַקונג צו קילאָ אָדער צו האַלבע קילאָ ווערט צוגערעכענט 10 זל. צו יעדע 100 קילאָ ביי אַ קילאָדיגער פערפאַקונג און 15 זל. ביי 100 קילאָ האַלב־קילאָדיגער פערפאַקונג.

וואָס עס איז שייך הורט־זאַלץ־האַנדעל קאָנען זיך מיט איהם פערנעהמען אַזוי יגערופענע פרייע זאַלץ־סקלאַדעס, וואָס קאָנען זיך געפונען נאָר צו איינציגע אין יעדען פאָוויאַט, אויב עס ווערט אין דעם פאָוויאַט קאָנסומירט יעדען חודש מעהר ווי 100 טאָן זאַלץ, דעמאָלט קאָן ענט־שטעהען נאָך אַ זאַלץ־סקלאַד. דעטאַיל־פערקויפען קאָנען זיין אָהן אַ שיעור און מען דאַרף נישט צום דעטאַיל־פערקויף האָבען אַ קאָנצעסיע פון די פינאַנץ־מאַכט, וועלכע מען מוז אָבער יאָ האָבען פאַר הורט־פערקויף.

איין פערזאָן קאָן בעקומען נאָר אַ פרייען זאַלץ־סקלאַד און די דאָזיגע פערזאָן מוז זיין אַ פוילישער בירגער, טאָר נישט זיין בעשטראָפט פאַר שטייער־דעפרוידאַציע, בעטרוג, עסיוּאַרגי־ליכווע און טאָר נישט זיין אין קאָנקורס. דער סקלאַדניק מוז פאַר דעם זאַלץ־סקלאַד האָבען טרוקענע, ריינע צימערען און מוז בעווייזען, וואָס פאַר אַ זיכערשטעלונג ער גיט פאַר דעם געקויפטען זאַלץ, וואָס קאָן נישט בעטרעפען וועניגער ווי איין דריטעל פון דעם ווערט פון דעם בעקומענעם זאַלץ. ער מוז אָנווייזען די פערזאָן, וועלכע וועט פיהרען דעם סקלאַד און די בוכהאַלטונג. דאָס לאָקאַל פון דעם מאַגאַזין ווערט פון דער מאַכט קאָנטראָלירט, צי עס טויג דערצו. דאָס זאַלץ מוז ווערען אַסעקורירט געגען פייער און גנבה און אין סקלאַד מוזען זיך געפונען תמיד וועניגסטענס דאָס דרייפאַכע קוואַנטום פון זאַלץ, וואָס ווערט יעדען חודש קאָנסומירט אין בעטרעפענדען פאָוויאַט, אָדער לכל הפחות איין פערטעל פון דעם קוואַנטום, וואָס איז פאַראַיאָהרען פערקויפט געוואָרען. אין זאַלץ־סקלאַד מוזען זיין געצעכעוועטע וואָגען און קיין שום אַנדערע סחורה טאָר דאַרט נישט געהאַלטען ווערען.

נעבען דעם זאַלץ־סקלאַד מוז זיך געפונען אַ שטוב, וואָס איז בעשטימט פאַר בעאַמטע, וואָס קומען דעם סקלאַד קאָנטראָלירען. די קאָנצעסיע אויף אַ זאַלץ־סקלאַד טאָר נישט ווערען פערדונגען אָדער אָפּגעטרעטען אַנדערע פערזאָנען, דער סקלאַד קאָן אָבער געפיהרט ווערען דורך אַ פערטרעטער.

אין די פרייזען־טאַבעלע, וואָס מוזען העג־גען אויף דער וואַנד פון דעם סקלאַד איז שוין אַריינגערעכענט דער פרייז פון דעם זאַק, מיט דערלויבעניש פון דער „איזבא סקאַרבאָווא“ קאָ־נען געעפענט ווערען פיליאַלעס פון דעם זאַלץ־סקלאַד.

די פעראָרדנונג שרייבט פאָר פערשידענע פונקטען וועגען דעם טראַנספאָרט פון זאַלץ און גיט אָן, אַז וועניגער ווי הונדערט קילאָ טאָר מען נישט פערקויפען. מען מוז פיהרען האַנדעלס־ביכער און מען מוז דאָס געלייזטע געלד אין משך פון 24 שעה איבערווייזען דורך פ. ק. אָ. קיין ווארשא, אויב דער סקלאַד פערקויפט זאַלץ אויף קרעדיט געשעהט דאָס אויף זיין אַחריות. די רע־גירונג האָט בעשטימט דעם ראַבאַט אויף דעם פערקויף פון זאַלץ פאַר דעטאַיל־סוחרים אויף 10 פראָצענט, אויב דער סקלאַד פערקויפט 50 טאָן יעדען חודש 7 פראָצענט, אויב דער סקלאַד פער־קויפט ביז 100 טאָן אַ חודש 6 פראָצענט, ביז צו 200 טאָן מאָנאַטליך 5 פראָצענט, אויב דער סקלאַד פערקויפט איבער 200 טאָן מאָנאַטליך, פיר פראָצענט.

די קאָנצעסיע אויף אַ פרייען זאַלץ – סקלאַד ווערט אומגילטיג מיט דעם טויט פון אייגענטימער אָדער אין דעם פאַל, ווען דער זאַלץ־סקלאַד הויבט נישט אָן צו פיהרען זיין האַנדעל אין משך פון 30 טאָג זייט ער האָט בעקומען די קאָנצעסיע פון דער „איזבא סקאַרבאָווא“. אויב אימיצער וויל איינשטעלען דעם זאַלץ־סקלאַד מוז ער דאָס מעל־דען פריהער מיט 2 חדשים דעם צענטראַלען זאַלץ־פערקויפס־ביוראָ אין ווארשא. יעדענפאַלס האָט דער פינאַנץ־אַמט דאָס רעכט אָנצעווייזען דעם ענט־גילטיגען טערמין, ביז וועלכען די יורשים האָבען דעם חוב דעם סקלאַד צו ליקווידירען. אויב דער פינאַנץ־אַמט וויל די קאָנצעסיע צוריקציהען קאָן זי עס נאָר דעמאָלט טון, ווען זי קינדיגט די קאָנצעסיע מיט אַ יאָהר פריהער.

די דאָזיגע פאָרשריפט וועגען אַ יאָהר קינדיגונג איז אַ נייע אין דער פוילישער געזעצגעבונג — בנוגע מאנאפאל־קאָנצעסיעס בכלל און וועט ביל־דען אי ן דער צוקונפט אַ פרינציפ פאַר אַלע אַנ־דערע מלוכה־ און מאנאפאל־קאָנצעסיעס. די פער־אָרדנונג פערמאָגט דאָן פאָרשריפטען איבער אַלע אַנדערע מינים פון זאַלץ, וואָס זענען בעשטימט פאַר בהמות, אינדוסטריע־צוועקען וכדומה און זע־נען עהנליך צו די אויבענדערמאָהנטע פאָרשריפטען.

די דאָזיגע פעראָרדנונג איז אַריין אין קראַפט דעם 11־טען דעצעמבער 1930 און די ביז־איצטיגע קאָנצעסיעס אויף זאַלץ־פערקויף פערלירען זייער גילטיגקייט דעם 30־טען יוני 1931. גלייכצייטיג זענען אַלע אַנדערע פעראָרדנונגען בנוגע זאַלץ־פערקויף נישט מעהר גילטיג.

צום סוף מוזען מיר בעמערקען, אַז לויט דעם געזעץ פון דעם 30־טען דעצעמבער 1924, אויף וועלכען עס שטיצט זיך די אויבענדערמאָהנטע פער־אָרדנונג טאָר נישט דער שטייער־אַמט פיהרען פאַר שטייערען־עקזעקוציעס אויף דעם זאַלץ, וואָס געפינט זיך אין זאַלץ־סקלאַד. דאַגעגען מעג לויט דעם אַרטיקעל 7 פון דעם דאָזיגען געזעץ געפיהרט ווערען אַן עקזעקוציע אויף די געלד־סכומים, וואָס עס זענען געלייזט געוואָרען פאַר דעם זאַלץ.

יודיש טעאטער „פילהארמאניע“ נארוטאוויטש 20

איילט צו זעהען די לעצטע געזעגנונגס־פארשטעלונגען פון בעריהמטען ארטיסט פון סטאניסלאווסקי׳ס קונסט־טעאטער אין מאסקווע, פיסקאטא־טעאטער אין בערלין

פאול בראטאוו

היינט, מיטוואך ווערט נישט געשפילט.

דאנערשטאג, ד. 25. דעצ., 4 נאכמ. גרויסע פאלקס־פארשטעלונג, פון 50 גר. ביז 2 זל. אויפ׳ן אלגעמיינעם פערלאנג צום לעצטען מאל
„הינקעמאן“
טראגעדיע אין 3 אקטען (6 בילדער) פון ערנסט טאלער. הויפטראל הינקעמאן — בראטאוו

דאנערשטאג, ד. 25 דעצ. 9 אווענד
גאט פון נקמה
דראמע אין 3 אקטען פון שלום אש.
הויפט־ראל „יענקעל שאפשאוויטש“ — פאול בראטאוו.

פרייטאג, ד. 26. דעצ. 9 אווענד פרעמיערע! — צום 1 מאל אין לאדז!
סענסאציע פון די פאריזער און אמעריקאנער טעאטערס
יא א מאן — נישט א מאן?...
דראמע אין 3 אקטען פון ר. פרידמאן. הויפט־ראל — פאול בראטאוו.

ס׳נעהמען אנטייל פרויען: מ. ראיען, ס פלאים, י. פלאום, ס. פאזנאנסקא. מענער: ח. בראקארזש, מ. גוי־וויטש, י. גרינהויז, י. ווײנבערג, מ. מעלמאן, מ. פאזנאנסקי, א. קורץ, ה. פלוים. סופלער: מ. אייזנבערג. בילעטען צו בעקומען אין פילהארמאניע־קאסע.

דער עלעגאנטסטער וויינאכטס־פרעזענט

איז א שעהנע פערפום־באמבאניערקע איינגעהויפט

איז דער גוט־בעקאנטער פערפומעריע

י. דרוקער, זאוואדזקא 5

וואו ס׳געפינט זיך דער ריכטסטער אויסוואהל פון די נייעסטע קאסמעטישע ארטיקלען

פערפומען, טואלעט־זייפען, פודערן, קעלנישע, בלומען־וואסערן צו אויסנאהמס־פרייזען

Perfumerja J. DRUKIER, Zawadzka 5, tel. 175-92 מיט אכטונג

איך עמפפעהל זיך דער געעהרטער קונדשאפט.

מאטארען
עלעקטרישע נייע און גענוצטע
ביליגסטע קוועלע.
רעפעראטור-ווערקשטעלען
בוי פון קאלעקטארען און צורידערער.
אינסטאלאציעס עלעקטרישע פון אלערליי
Reklamy NEONOWE
Inż. J. REICHER i S-ka
Południowa 28, tel. 21-000.

דער פינדער
פון די וועקסלען, וועלכע מען האט צוגערויבט פרייטאג, ד. 19 ד.ח. אווענד אויף זאוואדזקא 14, קע זיין אבגעבען געגען גרויסער בעלוינונג, טעלעפאן 14-976, 14 683. דיסקרעציע גאַראַנטירט. פאר דעם פינדער האבען די וועקסלען קיין ווערט, ווייל מען האט די וועקסלען ערקלערט פאר אונגילטיג.

בוכהאנדלונג, בערלינסקי
נוצט אויס די געלעגענהייט!
10 בענדער אנאטאל פראנס פריהער 75 זל. יעצט נאר 25, געארג בראנדעס פון מיך הונגערס אנ-שטאט 9 נאר 4.50 אויך קען מען בעקומען
אלע אויסגאבען פון קאאפעראטיוו ביכער, קלעצקין, קולטור ליגע, בזשזא, יאטשקאוויסקיס פא-פולערע ביבליאטעק, גיטלין, גאלדפארב און אלע אויסלענדישע אויסגאבען, אמעריקאנער און בערלי-נער אויסגאבען, א ספעציעלער אויסוואהל פון פיעסען און בילדער
צו בעקומען
אלטשטאט 12 אין הויף ביי נ. בערלינסקי

ד״ר עטשביצע
צאהן-ערצטליכער גאבינעט
און רענטגען-אינסטיטוט
(דיאגנאסטיק אויסערליכע און לייכט-טיפע טעראפיע)
זגערזשער 17 טעל. 116-33
ווענעראלאגישער גאבינעט
טעגליך טעטיג פון 1 — 2 נאכמיטאג.

וועבנעריך כירורגישע קליניק
„SANATO"
אגראראווא 10, טעל. 213-57
1-טע און 2-טע קלאס
ערצטליכע אויפזיכט איבער דער מוטער און קינד
פרייזען פון געבורט
אין 2-טע קלאס צוזאמען מיט פערהיטונגס-מיטלען
200 זל.
אויגען-אפטיילונג פון ד״ר מעד. י. קארוש
עמפפאנגס-שטה'ן פון 1 ביז 2 נאכמיטאג.
כירורגישע אפטיילונג פון ד״ר מעד. מ. קאנטאר
עמפפאנגס שעה'ן פון 1 ביז 2 נאכמיטאג.

DR. MED.
L. Pikielny
אוראלאג
ספעציאל-ארצט פאר נירן, בלאז און אורין-קראנקה.
NAWROT 8, tel. 2,19-90
נעמט אן פון 12-1 און פון 7-4 אווענד.

DOKTÓR
H. WOŁKOWYSKI
האט זיך איבערגעצויגען אויף
צעגעלניאנא 36, טעל. 216-90
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און ווענערישע קראנקהייטען, מענער-שוועכע, אלע ארט באשליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-שטראהלען
נעמט אן פון 9 — 2 נארמ. און פון 5 — 9 אווענט
פאר דאמען בעזונדערע ווארטע-צימער.

Dr. med.
B. Robinson
פיעטריקאווער 10, טעל. 131-86

אויף די ווייהנאכטען!
קאנסום
ביי דער „ווידזעווער מאנופאקטור"
ראקיטשינער 54
צופאהר מיט די טראמוואיען 10 און 16
עמפפעהלט צו סענסאציאנעל ביליגע פרייזען, כדי יעדער איינציגער זאל קענען קויפען א יום-טוב-פרעזענט פאר זיך און פאר אנדערע:
רעשטלעך, סעקונדא, בראקעס, בארכאנען, פלאנעלען און אנדערע ארטיקלען פון בעקאנטער גוטקייט, אויסארבייטונג פון דער ווידזעווער מאנופאקטור.

זשאקעטען וואלענע געוועבט מיט זייד אין אלע קאלירען פון 11.– ל.	**זייד-ווארען** אין די מאדערנסטע קאלירען פאר א מעטער פון 2.95 זל.	**הענדשקעס** פאר הערען און דאמען, אימיטאציע (Duńskie) פון 1.75 זל.
מענער-העמדער ווייסע און קאלירטע פון די בעסטע געוועבען פון 9.75	**וואלענע טיכלעך** אין שעהנע מוסטערן פאר א שטיק פון 11.–	**ראמען-שטאפען** וואלענע אין אלע ברייטען, קאלירען און מוסטערן פאר א מעטער פון 3.45 זל.
TWEED און וואלענע זשארזשעטען אין די נייעסטע מוסטערן און קאלירען פאר א מעטער פון 5.– זל.	**וואלענע קאלדרעס** (קאצען) אין א גרויסען אויסוואהל פאר א שטיק פון 11.50 זל.	**דאמען-וועש** העמדער, ווייסע און קאלירטע אין א רייכען אויסוואהל פון 2.45 זל.
קראוואטען די נייעסטע מוסטערן אין א גרויסען אויסוואהל פון 2.50 זל.	**פולאווערס און סוועטערס** עלעגאנטע מוסטערן אין א גרויסען אויסוואהל פון 7.– זל.	**הערען-שטאפען** שווארצע קאמגארנס ווי אויך גראנאט פאר א מעטער פון 10.50 זל.

הלא חכמה תקרא ותבונה תתן קולה
אם תקח אמרי ומצותי תצפן אתך
אז תשכב בטח ושנתך בי הלך בתום
ילך בטח ומעקש דרכיו יודע
איבער דעם ווילסט נאר קויפען און ביורא
פון ד. מאנעלא
וואס איז איבערגעטראגען געווארען פון צווייטען הויף אויפ'ן ערשטען הויף
פיעטריקאווער 17, לינקע אפיציגע פארטער, טעל. 124-95
וואו ס'ווערט ווייטער ערלעדיגט פינקטליך און געוויסנהאפט געשריבען א-לערליי ביטעס: ציווילנע, קארנע, האנדלאווע, אפעלאציעס, אדוואקאטניעס, קלויזולעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, וועגען דירות און אוזשאנד ראזיעמטשע, ווי אויך איבער-זעצונגען אין אלע שפראכען.
בעמ.: קלויזולעס און זאבעזפיעטשעניעס ווע-רען ביי מיר ערלעדיגט במשך פון 24 שעה
מיט אכטונג ד. מאנעלא,
פיעטריקאווער 17 1-טער הויף
[illegible]

ENGLISH
פאר אנפענגער און פארט-געשריטענע. קאנווערסא-ציע, ליטעראטור
צו צוגענגליכע פרייזען
ערטיילט א פעהיגער פע-דאגאג. — אפפרעגען אין אדמיניסטר. פאר „Mir"

וויכטיג פאר דרוקער שאכטעלמאכער און בוכבינדער!!!
[illegible]
פאמארסקא 14,
ביי ל. מיכאלאוויטש.

Dr. N. HALTRECH
ספעצ.-ארצט פאר הויט און געשלעכטס קראנק.
נעמט אן פון 8 ביז 9 פריה פון 12-3 נאכמיטאג און פון 8 ביז 9 אווענד.
זונטאג פון 9 ביז 1 בטאג.
פיעטריקאווער 10

פאר אינבעמיטעלטע לעכטניצע-פרייזען.

Dr. med.
J. Lubicz
ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 18-31
קראנקהייטען פון די ביינער, געלענקען, פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער
[illegible]
נעמט אן פון 2,30 ביז 4,30 נאכמ.

Lekarz-dentysta
Stanisław Gelberg
זאוואדזקא 14, טעל. 108-33
נעמט אן פון 10–2 נאכמ. און פון 4–7 אווענד

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al. Kościuszki 27
tel. 151 78
צוריקגעקעהרט
הויט און וועגערישע קראנקהייטען און ליכט-היילאינסט.
נעמט אן פון 4–7 אווענד

קינא-טעאטער
ZACHĘTA
26 זגערזשער 26
פון 25-טען דעצעמבער און פאלגענדע טעג!
פראכטפולער יום-טוב-פראגראם!
„פערראט"
(די ליבע פון רבינ'ס טאכטער צו אן עסטרייכישען אפיציר)
עמאציאנירענדע דראמע פון דער וועלט-מלחמה. די פרוי אלס רוס שער שפיאן. געבהה פון בעהיימע דאקומענטען. פילם פון שטארקער דראמאטישער שפאנונג. אונגעוועהנ-ליכער איינהאלט. קאנצערט-שפיל. אין די הויפטראלען:
VIVIAN GIBSON, ALBERT STEINRÜCK
ELIZA LA PORTA, ALFONS FRYLAND
געקליבענער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון ה' סטעפאנסקי
אנהויב פון די סעאנסען: אין געוו. טעג 4 נאכמ. שבת, זונטאג און יום טוב — 12 א זייגער בייטאג. דער זאל איז גוט בעהייצט.
קירצליך קומט: „Gwiaździsta Eskadra" קירצליך קומט:

לאנגיעריגער געריכטס-סעקרעטאר
ערטיילט און ערלעדיגט אלערליי
ביטעס, אנקלאגעס און קלאוזולעס
ספעציאליסט אין מיליטער-ענינים.
שנעלער אויסקויף פון פאטענטען און רעגיסטראציע-קארטען אויפ'ן יאהר 1981
ב. מאז, 10 פיעטריקאווער 10

א עונג שבת PIEKIN א עונג שבת
קאנט איהר ניר האבען, ווען איהר וועט אייער געבעקס, קיכלעך, טארטען, תאבעס א.ז.וו. באק'ן מיט'ן גוט-בעוואוסטען און העכסט כשר'ן באק-פראשעק „PIEKIN" פון דער ארטאדאקסישער פירמע „Atocha" צו בעקומען אין אלע קאלאניאל געוועלבער.
אונטערשטיצט די יודישע אינלענדישע אויסארבייטונג!
א עונג שבת PIEKIN א עונג שבת

אבאנאמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט אפטראגען א היים; אויף דער פראווינץ 6–זל. א חודש; אין אויסלאנד — 8 זל.
פאר'ן אינהאלט און טערמינען פון די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך.
די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו״ט—24 גר. אין דער זייט 3 שפאלטען
אין טעקסט—40 „ „ „ „ —60 „ „ „ „ 4 „
נאכ'ן טעקסט—12 „ „ „ „ —18 „ „ „ „ 8 „
פאר א מילימעטער-שורה: מינימום דער שטאט 50 פראצ. טייערער. אויסל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

Ze Wydawnictwa „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.